זעכצענטער יאָרגאַנג
№ 11
פרייז 20 גראָשען. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 12

Piątek 12 marca 1937 | ליכט-צינדען 5.17 | פרייטאג פ' ויקרא כ"ט אדר תרצ"ז

Z intencji zaślubin naszych drogich przyjaciół
Reginy Abramsonówny
z Leonem Grundmanem
różowej przyszłości życzą
ESTERA HOCHERMANÓWNA
FANIA WARSZAUERÓWNA
MARYSIA GRYNFELDÓWNA.

צו דער חתונה פון אונזערע פריינד ה' **חיים געלבהויער**
מיט פרל. **לאה פרידמאַן**
ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען.
געברידער מענדלאָוויטש

צו דער חתונה פון
פרל. **פראַניאַ קאלוזשינסקאַ** מיט ה' **אהרן לעווין**
א הארציגען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט ווינשען
מאיר קראַקויער און פאַמיליע.

Z intencji zaślubin p. HELENY HOCHBERGERÓWNY
z p. DANIELEM RUDNICKIM
składają serdeczne życzenia Rodzicom i Nowożeńcom
Sz. Szunder z Żoną

P. D-rowi F. NOWAKOWI
za przeprowadzenie udanej operacji oraz całemu Personelowi Szpitala Żyd. na Zawodziu za troskliwą opiekę podczas choroby córki naszej, wyrażamy serdeczne podziękowanie.
J. Galsterowie.

צו דער חתונה פון אונזער ליעבע שוועסטער און טאַנטע **מאַניאַ דאַווידאָוויטש**
מיט ה' **לעאָן נאַטאַנסאָן**, וועלכע קומט פאָר זונטאג, דעם 14 ד. ח. אין לאָנדאָן, שיקען
מיר איבער אונזער הארציגען מזל-טוב און ווינשען אייביגע צופרידענהייט
טשענסטאכאוו **פאמיליע וואַנגסשעווסקי, פאמיליע בערגמאַן.**

Z intencji zaręczyn kuzynki naszej
MALCI LANDSBERŻANKI z p. BERNARDEM BREMEM
życzą wiele szczęścia
Wieluń EDWARDA i HENRYK SZAJA

אונזערע הארציגסטע ברכות צו די תנאים פון פרל. **מאַלאַ לאַנדסבערגער**
מיט ה' **בערנאַרד ברעם** (פאריז), ווינשען מיר אייך א הערליכע צוקונפט
און די עלטערן פיעל נחת און פרייד.
וויעלון. **נאַכע יאַקובאָוויטש, זאַלצמאַן און פרידריך**

מזל-טוב אונזער פעטער ר' **לייב אונגער** צו דער חתונה פון זיין זוהן **חיים**
מיט פרל. **פרימעט פישלעוויטש** ראַדאָמסק.
יעקב אהרן בלאָה, פרוי און פאמיליע

מזל-טוב צו דער חתונה פון ה' **חיים אונגער** מיט פרל. **פרימעט פישלעוויטש**
דעם פאָטער — פיעל נחת.
שלמה מענדלעוויטש און פרוי

אַנקאַ פייטלאָוויטש | **אשר קלינגער**
וויעלון | קאליש
פערהייראַט
אין מערץ 1937

דעם ה' **יוסף פייטלאָוויטש** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער ל. טאכטער **אנקאַ**
מיט ה' **אשר קלינגער** פון קאליש שיקען די וואַרימסטע ברכות
ברוך יעקב זעלקאָוויטש, פרוי און פאמיליע
שושנה זעלקאוויטש, ישראל מאסלא

אונזער ג' פריינד **שמשון שצופאַק** צו זיין חתונה מיט פרל. **הדסה ערליך**
מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט ווינשען
יודל רינג און פרוי

דער לאנגיעהריגער דיפלאָמירטער **טישלער**
פון בוי-ארבייט
ל. קאַץ
וואַרשאַ-ווער 21.
מאַכט בעקאַנט, אז עס ווערט אָנגענומען אַלערליי **בוי-ארבייט** ווי אויך **געוועלב-איינריכטונגען**
די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט סאָליד, רעיעל און צו מעסיגע פרייזען.
געדענקט די אדרעס: **ל. קאַץ, וואַרשאווער 21.**

FARBIARNIA. i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
Filja: Warszawska 37.
צום פריהלינג-סעזאָן
מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג - דויערענדע שפיגעל-גלאַנץ ווי אויך **כעמיש** צו רייניגען און צו פארבען אַלעראַרט קליידונג.
גאַרדינען צו וואשען און צו שפּאַנען.
ספעציאַליטעט: 1) **פאַרבען לעדערנע קורטקעס**
2) דעקאַטירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).
אַכטונג: פלעקען ווערען אַרויסגענומען אויפ'ן אָרט
אַלץ צו ביליגע פרייזען.

מרכז דתי-תרבותי ע"י בית-הכנסת החדש.
יודאַאיסטישער אינסטיטוט ביי דער נייער שוהל
שבת פ' ויקרא 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאָר
מסבת עונג שבת
מיט א רעפעראַט פון הרב ד"ר הירשבערג
א. ד. ט. **„איינלייטונג צו פרקי-אבות".** איינגאנג פריי
די ביבליאָטעק און לעזע-זאַל זענען אָפען טעגליך פון 7—10, מוצאי-שבת פון 6.30 ביז 10, זונטאג פון 6 ביז 10 אוו. — פרייטאג-צו-נאכטס געשלאָסען.

צו דער חתונה פון אונזער פריינדין **פעסע יאקובאָוויטש** מיט ה' **גאָדל בענדעט** פון לאָדז, ווינשען מיר א גליקליך צוזאמענלעבען, דעם יונגען פאָר און פיעל נחת דער מוטער און געשוויסטער.
יודעל קאַמינסקי און פרוי, מעניעק קאַמינסקי און פערסאָנאַל פון פריזיר-אנשטאלט קאמינסקי אין וויעלון.

איבערראַשענדע נייעס פאַר די טשענסטאָכאווער בעל-הבית'טעס!
אויב איהר ווילט האָבען דעם אמת'ן עונג יום-טוב אויף פסח!
וועט היי-יאָהר די לאנגיעהריגע פירמע פון
י. באָזשיקאָווסקי, וואַרשאַווער גאס 9
זיין פער-זעהן מיט **מאַקאַראָנען** פון ריין-געשייל-טע מאנדלען **פון 2.50 ביז 5** זלאָטעס א קילאָ
אויך איז מיין געשעפט פערזעהן מיט **טאָרטען, זיסטען, צוקערוואַרג, שאָקאָלאַדען** פון די בעסטע פירמעס.
ט'ווערט אויך אָנגענומען **הויז = באַק** וואס ווערט אויסגעפיהרט שנעל.
בעמערקונג: פאַר דיאַבעטיקער צוקער-ליידענדע איז צו בעקומען ספעציעל געבעקס.

ZAWIADOMIENIE.
Niniejszym uprzejmie zawiadamiam Sz. Klijentelę, że
pracownia ubiorów damskich
S. GELBHAUER
Katedralna № 10
została przeniesiona na tę samą ulicę:
Katedralna Nr. 7, front, parter.
Przytem zawiadamiam, że na nadchodzący sezon wiosenno-letni sprowadziłem najnowsze modele i żurnale.
Polecam się nadal względom Sz. Klijenteli.
S. Gelbhauer, Katedralna 7, front, parter.

אכטונג!!!
געלעגענהייטס = אויספערקויף
CZESKIEJ PORCELANY פון טשעכיש פאָרצעלאַן
טיש-סערוויסען פון 30 זל. אָן, טאסען מיט ספאָדקעס, טעלער דע-קאָרירטע פון 60 גר. אָן, טיש-גלאָז, פאיאַנס און אנדערע ארטיקלען
אלעס צו זעהר ביליגע פרייזען
Skład szkła, porcelany i fajansu B. SACHSENHAUS
ul. Panny Marii 3. (wł. F. Kempińska i R. Fajner).

זאָלען אַלע וויסען,
אז נישט דוקא אין די אַלעען, נור אויך אין נייעם מאַרק
איז די רעיעלסטע און די ביליגסטע קוועלע, וואו
עס געפינט זיך שטענדיג א גרויסער אויסוואַהל
פון מאָדערנע וואָל און זיידענע סחורות, גאַרדינען, פלוש-דעקען אלערליי ווייסוואַרען, פולקאָמע אויסשטייערן, הורט און דעטייל
און דאס איז ביי
ZUSMAN KRAUZE
CZĘSTOCHOWA, NOWY RYNEK № 6.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Uczy modnie, wytwornie, w kompletach, pojedyńczo — zapisy codziennie. Opłaty przystępne.
יעדען **שבת** א פראקטישע לעקציע פאַר יודישער נגועל-שאַפט. אנהויב 8 אָוונד. ערשטקלאַסיגע מוזיק.

פאַרבערייַ און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
ב. יאַסעלעוויטשאַ 11
(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפעלושאַרניע)
קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויער-האַפטען שפיגעל-גלאַנץ.
ספעציאַליטעט:
1) **אויפפרישען** (פארבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פאַרבען לויט מוסטערן,
3) דעקאַטירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואשען אויפ'ן אָרט),
4) כעמיש רייניגען און פאַסאָנירען קאַפעלושן.

FABRYKA WYROBÓW METALOWYCH i DRUTÓW do PARASOLI
D. WOLF i Z. GRABINER
Częstochowa, Staszica 8. Telef. 19-04 i 16-87.
przyjmuje do cementowania, hartowania, niklowania, mosiądzowania, lakierowania i oksydowania, jak również do szpicowania i krojenia drutu. CENY NADER PRZYSTĘPNE.
Odbieramy i odsyłamy towar na własny koszt.

WORLD-RADIO
Świat w domu...
Urok dni świątecznych podnosi niepomiernie odbiornik
WORLD-RADIO
Precyzja wykonania w połączeniu z artystycznym wyglądem zewnętrznym stwarza piękną harmonijną całość
„MAZUR" i „POLONEZ" oto nazwy odbiorników o cenach popularnych i wykonaniu luksusowym.
Zakłady Radiotechniczne
„WORLD-RADIO"
Spółka Komandytowa
ALEJA 24. TELEF. 25-75.

אונזער פאָדסטאַרשי פון טישלער און דרעקסלער-צעך און פערוואלטונגס-מיטגליד פון דער הילפס-קאַסע ביים טישלער און דרעקסלער-צעך ה' **יוסף איזראעלאָוויטש** צוליעב'ן טויט פון זיין מוטער
נ"ע חנה
דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
די פערוואלטונג פון טישלער און דרעקסלער-צעך
פערוואלטונג פון דער הילפס-קאַסע ביים טישלער און דרעקסלער-צעך.

נאטיצען.

קמחא.

מיר מוזען נאכאמאל דערמאנען די יודישע בעפעלקערונג פון אונזער שטאדט, אז כדי צו געבען די מעגליכקייט הונדערטער ארימע בכבודיגע יודישע משפחות צו האבען דאס סאמע נויטיגססטע אויף פסח, מוזען זיי ערפולען זייער חוב און איינצאהלען אין דער קהלה-קאסע דעם בעשטימטען קמחא-אבצאהל.

דערביי מוז מען געדענקען, דאס דער אבצאהל פון מצה מעהל איז היי-יאהר אבגעשאפט געווארען, אזוי, אז קיינער וועט נישט קאנען האבען קיין תירוץ, דאס ער איז יוצא דערמיט, וואס ער בצאהלט קמחא בעת ער קויפט די מצות. עס איז דעריבער א חוב צו געדענקען, אז אויב מען נעמט נישט קיין אבצאהל פון מעהל וועלען די פאר טויזענד זלאטעס, וואס זענען יעדעס יאהר דערפון איינגעפלאסען פצהלען און זיי מוזען דעריבער גע-דעקט ווערען דורך דער יודישער בע-פעלקערונג.

די קהלה פערוואלטונג האט ארויס-געלאזט אנ׳אויפרוף צו די היגע יודען, זיי וועגען דעם מודיע געוועזען און גלייכצייטיג זיך געווענדען מיט אנ׳-אפעל צו זייער יודיש געוויסען, אויפ-ווייזענדיג די שווערע לאגע אין וועל-כער א גרויסער טייל פון טשענסטאכאווער יודען געפונט זיך און געבעטען, אז אלע יודען, וועלכע נעמען נישט קיין קמחא מוזען צאהלען קמחא. דער-ביי איז אנגעוויזען געווארען, וואו מען קאן די קמחא איינצאהלען.

דער טערמין פון איינצאהלען די קמחא, וואס איז געווען אנגעוויזען אין דעם אויפרוף איז שוין אדורך און אויסער איינצעלנע יחידים, וועלכע האבען איינגעצאהלט זעהר קליינע סו-מען, האט זיך נאך דערווייל קייגער נישט דערמאנט איינצוצאהלען די קמחא און דערמיט יוצא זיין זיין יודישען חוב. האט די קהלה לאין ברירה זיך גענומען צום אלטען מיטעל און ארויס-געשיקט פארלעך, כדי צו זאמלען ביי די צאהלער אין שטוב.

אין אייך יודען איז איצט דעריבער געוואנדען, ווי אזוי עס וועט היי-יאהר אויסזעהען די קמחא-אקציע. וועט איהר פערשטעהן אייערע אויפגאבען, וועט איהר אויפנעמען די זאמלער בסבר פנים יפות און זיי געבען לויט אייערע מעגליכקייטען, וועלען אונזערע ארימע ברידער נאך עפיס האבען אויף יום-טוב. סאמער וועט איהר אבער זיין גלייכגילטיג צו די זיפצען און סרעה-רען פון די נויטבעדערפטיגע וועלען זיי טאקי פסח, אינ׳ם שענסטען יום-טוב, וואס מיר פערמאגען – הונגערען!

מיר, פון אונזער זייט, דערמאנען און וועקען די יודישע בעפעלקערונג, אז זי זאל געדענקען און רחמנות הא-בען אויף איהרע ארימע ברידער! זא-לען זיי זיך נעמען אין זין אריין, אז בעת זיי וועלען זיך אוועקזעצען צו דער יום טוב׳דיגער סעודה, וועלען זיי-ערע ברידער און שוועסטער הונגערען און נאר די טרעהרען פון זייערע אוי-גען, וועלען זיין זייער איינציגע שפייז.

געדענקט אין אייערע ברידער און שוועסטער און צאהלט איין די פון אייך געפאדערטע קמחא!

א ווארט צו די מצה-בעקער.

יעדעס יאהר כמעט קומט אונז אויס זיך צו ווענדען צו די מצה-בעקער מיט אנ׳אפעל, אז זיי זאלען בעשעפטיגען ביים מצות-אויסבאק יודישע הענד.

אויב מיר האבען וועגען דעם ענין זיך נעווענדען אנדערע יאהרען, איז עס היי-יאהר נאך נויטווענדיגער און דרינגענדער.

הונדערטער יודישע יונגעלייט און מיידלעך געהען ארום א גאנץ יאהר זו-כען ארבייט, און נאר דערפאר, ווייל זיי זענען יודען ווערען זייערע הענד נישט אויסגענוצט איז אט ביי די מצות, וואס ווערען בענוצט נאר דורך יודען, וואלט געווען דאס גרעסטע פערברעך, ווען אויך ביי די מצות זאל מען די יודישע הענד נישט בענוצען.

יודישע מצה-בעקער, איהר אליין גע-הערט צום „עמך". צו אייך דארף מען נישט א סך רעדען, איהר פערשטעהט מיט איין ווארט און אט דאס ווארט זאגען מיר אייך: בענוצט צום מצות-אויסבאק יודישע ארבייטס הענד.

ש.

אמאל און היינט

(צייט-שטריכען)

ערגיץ דארט אין שפאניען קומט פאר א בלוטיגער בירגער קריג. דאס איז אבער נישט קיין געוועהנליכער בירגער-קריג,–ווייל–ער פערמאגט אין זיך פיעל מעהר גרויזאמקייט און פער-ביסענקייט פון א צווישען-פעלקער׳ליכע מלחמה און האט פערוואנדעלט גאנץ שפאניען אין איין גרויסער און ברי-דערליכער בלוט באד.

די מלחמות-געשיכטע זייט לאנגע צייטען–איז אונבעקאנט, דאס דער מלחמה שנעון זאל קענען דערפיהרען מענשען צו אזא אכזריות פון מארדען און נישט שוינען אלטע לייט, פרויען און קינדער–בפרט פון אייגענעם פאלק; ס׳איז נישט מעגליך, דאס מענשען זא-לען זיך ערלויבען אזוי וואנדאליסטיש צו פערניכטען די טייערסטע שאפונגען דורך בלוט און שוויס פון עלטערן און זיידעס במשך פון הונדערטער דורות.–אין שפאניען איז עס אבער א טרויעריגע ווירקליכקייט.

א פאקט איז אויך אין שפאניען– דאס פאר איין שפאן ערד ביי קאסא-דעל-קאמפא, גיט מען אוועק טויזענדער יונגע לעבענס צום מלחמה-אלימס...

אזא ארט פערביסענקייט גרעניצט זיך פשוט מיט משוגעת.–אבער אין שפאניען איז עס–טאג טעגליכקייט.

דו לייענסט די צייטונג און דו צי-טערסט-אויף:–דו ווייסט, אז מארגען וועט מען ווייטער באמבאדירען מאד-ריד. ס׳וועלען ווידער זיין הונדערטער הרוגים און פערוואונדעטע. די הרוגים וועלען פער׳יתומ׳ען אומגליקליכע פא-מיליעס און די פערוואונדעטע וועלען עלענד אויסגעהן אין הערצרייסענדע קרעכצען. אנדערע וועלען שוין בליי-בען אומגליקליכע קאליקעס אויפ׳ן גאנצען לעבען.

אזוי וועט עס שוין זיין מארגען און איבערמארגען און אפשר אייביג...– ווייל ביידע צדדים זענען גוואלדיג פערביסען.–זיי קעמפען דאך פאר „אי-דעאלען".

דאס איז אין היינטיגען שפאניען.

אמאל–האט דאס שפאנישע פאלק אנדערש געלעבט, אמאל–האבען אין לאנד געוועלטיגט בלוטדורשטיגע טאר-קוועמאדאס און פאוולאס פון בורגאס. זיי זענען געווען די „נאבעלע" רעפ רעזענטאנטען פון דער הערשענדער רעליגיע, וועלכע האבען צוליב דעם „הייליגען ציעל", אנגעצינדען פון איין עק לאנד ביז׳ן צווייטען–גרויסע אינ-קוויזיציע-פייערען, וואו מ׳האט גע-בראטען די „אונגלויביגע".

שפאניען איז א רייך און א שעהן לאנד. שפאניען פערמאגט א סך זון און ווייןָ. פלעגט דאס „פאלק" און „אדעל" זאטע אין צופרידענע געהן זיך „ווייי-לען" ביי די שייטערהויפענס, וואו די יעזואיטישע טייוולאנים האבען זיך געשפילט מיט די ליידען פון זייערע קרבנות.

היינט איז יענע רעליגיע אוועק. היינט האבען זייערע אייניקלעך נייע גלויבענס געשאפען. אויפ׳ן ארט פון יענעם „הייליגען ציעל" – איז געקי-מען א נייער „הייליגער ציעל" פאר וועלכען אלע מיטלען זענען כשר... אויפ׳ן ארט פון דער פריהערדיגער גלחישער פעלערינע, איז געקומען א שיזארצע און רויטע בלוזע...

אויסערליך האט זיך עפיס געענדערט – דאס פאלק און די מעטאדען זענען אבער געבליבען די זעלבע...

* *

רוסלאנד – איז א גרויס און ברייט לאנד. רוסלאנד איז פון ג–ט געבענשט מיט אלץ: מיט א שווארץ-ערדיגער אוק-ראאינע און ווארימען קרים, ביז צו קאלטע אייז-פעלדער און אייביגען שניי אויף סיביר, מיט אייגענע ימען און מיט א סך נאטירליכע רייכטימער, דארט איז אלץ דא.

אין רוסלאנד לעבט א קאלאסאל גרויסע בעפעלקערונג פון אריבער הונ-דערט זיבעציג מיליאן מענשען, און פונקט ווי די רוסישע ערד – אזוי איז די בעפעלקערונג פיעל - פארביג און פערשידענארטיג.

נישט שטענדיג – איז דאס רוסישע פאלק שלעכט געווען. דער רוסישער פויער איז אפשר געווען נאר אומווי-סענד און דעו דאנער קאזאק איז גע-ווען שטארק פערווילדעט. אבער נישט שטענדיג האט דאס פאלק אלס גאנצעס פערמאגט אין זיך היה׳שקייט און רוצ-חישקייט. אפילו דער „אדל" האט ארויסגעגעבען פון זיך א סך פרייהייטס-קעמפער און מענשען-פריינד. ערגער זענען געווען די הערשער. ביי דער מאכט זענען שטענדיג געשטאנען די איוואן גראזני׳ס און יעקאטערינא׳ס, מענשען, וועלכע זענען משוגע געווא-רען פאר מאכט. ס׳האט געוועלטיגט די רעאקציע, וועלכע האט נישט געקענט שטילען איהר אפעטיט מיט דעם גרוי-סען רוסלאנד... ס׳איז געווען א צא-ריזם, וואס האט רעגירט דעספאטיש.

היינט – איז דאס אלץ נישטא. היינט זיצען אין דער שטאדט פון „פערציג מאל פערציג" זייערע זיהן און אייניק-לעך, וועלכע האבען א נייעם גלויבען געשאפען. אויפ׳ן ארט פון יענע מאכט-האבער זענען געקומען נייע הערשער, וועלכע שיקען מענשען אויף תליות און קיין סיביר... די הערשער זענען נאך אונבארמהנות׳דיגער און ראפינירטער פון יענע. ווערען פראצעסען אינסצענירט, און חברים און ברידער ווערען ווי הינט דערשאסען...

דאס איז היינט.

– אויסערליך האט זיך געענדערט פון אמאל – די הערשער אין די מע-טאדען זענען אבער געבליבען די זעלבע...

ש. ווארשא.

פון יודאאיסטישען אינסטיטוט

די פערגאנגענע וואך איז די ביב-ליאטעק ביים יודאאיסטישען אינסטי-טוט ווידער בערייכערט געווארען מיט א צאהל אינטערעסאנטע און ווערט-פולע ספרים. די פערוואלטונג פונ׳ם אינסטיטוט האט בעשלאסען צו זאמלען די שאפונגען פון טשענסטאכאווער איינוואוינער, ווי דיסערטאציעס, אב-האנדלונגען און אלערליי אנדערע ווערק.

– די מסבות עונג שבת, וואס ווע-רען איינגעארדענט דורכ׳ן אינסטיטוט האבען זיך שוין קונה שם געווען אין אונזער שטאדט, און די צאהל בעזו-כער שטייגט כסדר. פערגאנגענעם שבת האט פראפ. ב. וויינבערג רעפערירט א.ד.ט.: „ר׳ יהודה הנשיא–די פער-זענליכקייט און זיינע ווערק". דער רעפעראט האט צוגעצויגען א בעדיי-טענד פובליקום, וועלכעס האט זיך מיט גרויס אינטערעס צוגעהערט צום רעפעראט.

מארגען, שבת, 4 א זייגער נאכמי-טאג קומט פאר א מסבת עונג שבת, אויף וועלכען הרב ד"ר הירשבערג וועט רעפערירען א.ד.ט.: „איינלייטונג צו פרקי אבות". עס איז צו האפען, אז סיי דער פרעלעגענט, וועלכער צייכענט זיך אויס מיט זיינע ספעציעלע פעהיגקייט צו פאפולאריזירען יעדען בעהאנדלעטען ענין, און סיי די טעמע וועלען צוציהען א גרויס פובליקום.

א קינסטלערישער אוונד פון דעם יוד. גימנאזיום

מאנטאג, דעם 15 ד. ח. 8 אוונד, קומט פאר אין קינא „אטלאנטיק" א אינטערעסאנטע קונסט-אימפרעזע, איינ-געארדענט דורך דעם יודישען געזעל-שאפטליכען גימנאזיום.

אין דעם רייכען פראגראם געפינען זיך: 1) העבראאישע לידער–כאר און סאלא; 2) אינסצעניזאציעס–פויליש און העבראאיש; 3) ארטיסטישע טענץ.

די הכנסה פון דעם אוונד איז בע-שטימט אויף א זומער-קאלאניע פאר ארימע תלמידים.

דער אוונד האט ארויסגערופען גרויס פעראינטערעסירונג.

קאנקורס אויף צו בויען א ראטהויז

דער ענין פון בויען א נייעם ראט-הויז-בנין אויפ׳ן ארט פון דעם ביז-יעצ-טיגען ענגען און פערעלטערטען איז אנ׳אונפערמיידליכע נויטווענדיגקייט. אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער שטאדט פערוואלטונג איז דעריבער בע-שלאסען געווארען צו פערעפענטליכען א קאנקורס אויף א פלאן פאר׳ן מא-גיסטראט בנין.

Wielce Szanowny Czytelniku!

Czy już wiesz, że WORLD-RADIO posiada stale na składzie odbiorniki radiowe przodujących firm krajowych i zagranicznych?

CAPELLO—licencja: Radiofabrik „Ingelen", Wiedeń
HORNYPHON, Wiedeń SELECTRIT-ZERDIK, Wiedeń
KOSMOS S.A, Warszawa RADIO-UNION, Warszawa
— oto firmy, które reprezentujemy.

Przed kupnem odbiornika zasięgnij przeto u nas bezpłatnej porady fachowej; unikniesz rozczarowania i niepotrzebnych utrapień. Fachowa i sumienna obsługa — to gwarancja zadowolenia.

Zakłady radiotechniczne
WORLD-RADIO
Spółka Komandytowa
N. M. Panny 24. Telef. 25-75.

מיט׳ן שטראם...

קליינער פעליעטאן

– כ׳האב אפילו נישט קיין צייט – זאגט צו מיר מיין שכן גרונם פלטיאל– ס׳איז דאך עפיס פאר פסח און איך דארף לויפען אויף א זיצונג פון דער קהלה, וואו מען וועט רעדען וועגען בצוארגען יודען מיט קמחא, פונדעסט-וועגען מוז איך אייך כאטש על רגל אחת עפיס דערצעהלען.

עס איז היינט א וועלט–זאגט ער –ווען מען דארף נאר געהן מיט׳ן שטראם; מעג דער זעלבער שטראם מיטשלעפען מיט זיך די שענסטע אי-דעאלען, טארסטו זיך נישט אקעגענ-שטעלען, ווייל דו וועסט בלייבען א שוטה און וועסט סיי ווי סיי גאר נישט אויספיהרען.

עס געהט היינט א שטראם געגען יודען. אנגעהויבען האט היטלער דייטש-לאנד. און אזוי פליסט דער שטראם איבער לענדער און מדינות און רייסט מיט אלעמען, ס׳טרעפען זיך אפילו איינצעלנע מענשען, וועלכע ווילען נישט מיטלויפען מיט׳ן שטראם און ווי-לען זיך איהם אקעגענשטעלען, נאר זיי ווערען אויסנעלאכט, און לאין ברירה לאזען זיי אראב די הענד.

אין פוילען געהט א שטארקער אנטי-יודישער שטראם, וועלכער האט פער-פלייצט די גאנצע מדינה, אזוי, אז נישט בלויז די געשוואוירענע ענדע-קעס האבען דערויף דעם מאנאפאל, נאר אפילו א סך סענאטארען כאפען זיך אויך מיט מיט׳ן שטראם און שווי-מען אויפ׳ן יודישען פערדיל. טרעפט זיך אבער איינער, זאל מען זאגען, אזא פראפ. מיכאלאוויטש, וועלכער פרובירט זיך אקעגענשטעלען דעם שטראם און טאדעלט די כוליגאנישע אנפאלען פון די סטודענטען, ווערט ער פערשריגען אלס שוטה און חסר-דעה.

די יודישע קליינהענדלער ווערען פון טאג-צו-טאג אלץ ארימער זייערע סטראגאנעס ווערען אלץ ליידיגער און זיי ווערען פערטרעטען דורך נישט-יו-דען, וועלכע קומען טאקי מיט ליידיגע הענד אבער זיי ווערען אונטערשטיצט פון די גרויסע יודישע סוחרים, וועלכע גיבען די נישט-יודישע קליינהענדלער א סך קרעדיט. ווען מען פרעגט אזא יודישען סוחר, היתכן? פאר וואס גיסטו נישט קיין קרעדיט דעם יודישען קליינהענדלער, וועלכער וואלט געקאנט מפרנס זיין א ווייב מיט קינדער, ענט-פערט דער יוד. סוחר אזוי צו זאגען: אויפ׳ן זאוואדזיער מארק ווערען די יודישע סטראגאנעס באיקאטירט, קאן איך נישט געבען קיין סחורה יודען, וועלכער וועט זי אויפעסען און מיר נישט בע-צאהלען. דאגעגען דער קריסטליכער קליינהענדלער, ווען ער וועט האבען סחורה, וועט ער יא לייזען און מיר דערנאך בעצאהלען. פערפאלען! – גיט דער יודישער סוחר דערביי א זיפץ– אזוי איז עס און מיר מוזען מיטשווי-מען מיט׳ן שטראם...

אין דער ווארשאווער גאס נומער 103 האט דער יודישער קצב אלי פאנטא-פעל א יאטקע. האט א כוליגאן דעם לעצטען שבת-צו-נאכט׳ס, בעת ס׳זענען געווען פיעל קונים, אריינגעווארפען א פלאש מיט א פערשטינקענדען ריח און חרוב געמאכט פאר איבער דריי-סיג זלאטעס פלייש, אויסערדעם זענען די קונים ארויס און ווילען נישט מעהר דארט קויפען. ווען פאליציי האט גע-מאכט א חקירה ודרישה, האט זיך ארויסגעוויזען, אז איין קריסטליך מיי-דעל ווייסט אפילו יא ווער דער פער-ברעכער איז, נאר זי האט מורא צו זאגען, ווייל צו וואס טויג איהר דאס, אז זי זאל פערשיטען א קריסט אין שויך פון א יוד. איבריגענס, האבען איהרע עלטערן איהר אנגעזאגט, אז זי זאל שווייגען, ווייל–היינט איז אזא צייט, ווען מען טאר נישט בעשיצען קיין יודען און מען מוז מיטשווימען מיט׳ן שטראם.

אונזערע יודישע כלל-טהוער שווי-מען אויך מיט׳ן שטראם. און אט וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה–זאגט ווייטער מיין שכן–וועגען היימישע כלל טהוער, וועלכע האבען – –

– גענוג – רייס איך איבער מיין שכן – דערצעהלט מיר נישט מעהר וועגען דעם, ווייל איך ווייס א סך מעהר פון אייך און פונדעסטוועגען מוז איך אויך שווייגען. מאנכעס מאל, ווען דאס מעסטעל געהט שוין איבער, זעץ איך זיך אוועק אנשרייבען וועגען די עוולות, וואס קומען פאר ארום אונז, און דאן קומט מיין רעדאקטאר און הייסט מיך דאס אנגעשריבענע אריינווארפען אין קויש אריין. הויב איך זיך דאך אן צו ווערען, היתכן? – זאג איך – ווי קאן מען שווייגען, איב-ריגענס, ס׳איז דאך עפיס א צייטונג, וואס דארף קריטיקירען דאס שלעכטס, וואס געשעהט ארום אונז. מיין רע-דאקטאר אבער ווערט נישט נתפעל און הייסט מיך בערוהיגען. אמת – זאגט ער – עס איז טאקי א צייטונג, עס איז אבער היינט א צייט, וואס מען טאר זיך נישט אקעגענשטעלען דעם שטראם, מען מוז צוקוקען די עוולות, פערבייסען די ליפען און שווייגען, סיידען – גיט ער צו – איהר ווילט, אז די צייטונג זאל נישט האבען קיין קיום. קיום אבער וויל מען נאך לעבען, ווער שמועסט, אז מען האט נאך בדעה דערפון צו ציהען חיונה, מוז מען אוודאי שווייגען; פערקעהרט, מען דארף נאך לויבען, ריהמען, מאכען קאמפלי-מענטען. פערמאלען, עס איז היינט אזא פערשאלטענע צייט, מען מוז שווי-מען מיט׳ן שטראם.

מיין שכן האט שווער אבגעזיפצט, פערגעסען זיך צו געזעגענען מיט מיר און איז אוועק אויף דער זיצונג. דער-ביי האבען זיינע ליפען געמורמעלט: יא, איהר זענט גערעכט, מען מוז שווי-מען מיט׳ן שטראם...

סמאל

ירושלים שבת פארנאכט

(פ י י ז א ז ש)

פון יעקב פעקער

מי שלא ראה, אזוי הויבט מען דאך אן, ווער ס'האט נישט געזעהן ירושלים אין א שבת פארנאכט, דער האט נישט געזעהן, ווי פערשידנארטיג ס'איז דיין פאלק ישראל, גאטעניו!

דערלעבט קוים, אז די זון זאל זיך אנהויבען זעצען און די חמימה זאל שוואכער ווערען, הויבען אן מענשען ארויסקריכען פון זייערע שטיינערנע בעהעלטנישען און פליסען ווי א סך וואסערלעך פון גאסען און געסלעך, פעראייניגען זיך אין גרעסערע טייכלעך און צוגיסען זיך אין צוויי גרויסע טייכען, וועלכע שטראמען פון קעגענזייטיגע גאסען, פון רחוב שטרויסטשענסלאר און רחוב קעניג-דזשארזש, בארג אראב צו רחוב יפו, דא פעראייניגען זיי זיך, געהען אריבער ווייט איבער זייערע ברעגעס, לויפען ראפטום און צוצווייגען זיך ווידער דארט, וואו דער פרעכטיגער בנין פון „רעאוניאנע ד'אדריאטיקא" מיט'ן לייב אויף זיין שפיץ שניידט זיך אריין אין רחוב יפו און צוטיילט איהר אויף צווייען.

און דער טייך ווישט און שטורמט, כוואליעס לויפען, איינע יאגט דער אנדערער איבער, שטויסען זיך אן מיידען זיך אויס און עס דוכט זיך, ווי דער סמבטיון, דער אמת'ער סמבטיון וואלט אהער אראבגעקומען אויף גאסטראלען, נישט האבענדיג שבת וואס צו טהון ביי זיך אינדערהיים.

און אין דעם מענטשישען סמבטיון שפיגעלט זיך א רעגענבויגען פון קאלירען, בלענד די אויגען און מיניעט זיך אין די לעצטע גאלד-רויטע זונשטראהלען, פלאצט און צושיט זיך אין אומצאהליגע זייפען-בלאזען, שפריצט מיט קאלירטע פייער-ווערק — א פארבען-וואקכאנאליע.

ערשט, אז די זון בעהאלט זיך הינטער א ראג פון א מויער און לאזט עפענען ברייט די אויגען, איז מען שוין ביכולת פונאנדערשיידען אין דעם רעגענבויגען היטלען, קאפעלושען, שטריימלעך, טורבאנען, פנימ'ער, קעפ, קליידער, קאפאטעס, העמדער, עלענבויגענס און ארבע כנפות.

אט געהט און כאפט די לופט א בוכארישע פאמיליע, א צוקנייטשטע נאך פון שבת'דיגען שלאף. דער מאן האט, דוכט זיך, פערגעסען בייטען די זאכען און ארויס מיט דעם שלאף-המד אין גאס, ערשט נייך, ס'איז דוקא זיין... שבת'דיגע זשופיצע. שפרייזט ער בכבודיג, ווי ס'פאסט פאר א פאטריארך, דער בויך פאראויס און די הענד פערלייגט אויף הינטען. איהם ביים זייט שווימט זיין פלונת'טע מיט די שבת'דיגע זייד און ציהרונג און די חנעוודיגע טאכטער זייערע געהט נאך ווי אויף א שטריקעל און שפריצט פון די אויגען מיט פייער אויף אלע זייטען.

עס שטופען זיך אדורך פרענקישע יונגעלעך מיט שווארצע גלאנצענדיגע טשופרינעס, ווי איינגעשמירטע מיט שוך-פאסטע, שמועסען זיך הויך אדורך אין זייער לאדינא. א הויכער, קורדישער יוד אין א פוטערנער פאפאכע קוקט זיי נאך מיט רוגזה, וואס זיי האבען איהם שיעור אנ'ארבעל אבגעריסען, אבער באלד מוז ער שוין זעהען וואס עס טהוט זיך הינטער איהם,

דארט איז א יונג ווייבעל פון די פוילישע קרעסען אריינגעפאהרען איהם מיט איהר קינדער-וועגעלע אין דער זיבעטער ריפ. א תימנער, וועלכער זעהט אויס, מיט זיין שיטער בערדל און דארע פיס, ווי א שווארצע קאזע, פרובט זיך אדורכאפען א שטיקעל פרייגעווארענעם פלאץ, פערלויפט איהם דעם וועג אנטקעגען א פרעהליכע קאמפאניע פראלעטאריער, וועמענס בלויע העמדלעך ווייזען לשם ריכטיגקייט די „פראבע".

א געזונטער יוד, וואס ווען נישט זיין לאנגע, געשטרייפטע קלייד מיט'ן גארטל און טורבאן אויפ'ן קאפ, וואלט מען איהם געקענט אננעמען פאר א מתפלל פון קצבישען בית מדרש, פיהרט זיין אייגענס, א גאנצען חדר אויפ'ן שפאציר. די יונגערע בנים האלט ער ביים האנד און די גרעסערע רינגלען איהם ארום ווי א „מלך בגדוד". שווארצע, סעפרדישע מיידלעך שפילען אויס מיט זייערע געלעכטערס גאמעס גאנצע אויף גלעקלעך.

אנ'אראבער פעהלט נאך אויס צום רומל. ער שטופט זיך רייטענדיג אויף זיין אייזעלע, און די פיט זיינע שלעפען זיך איהם נאך אויף ד'ערד. ס'באשעפעניש שמעקט און שנאפט מיט דער מארדע אין פרעמדע קעשענעס, ביז זי כאפט אריין דעם עפיטעט „חמור" אויפ'ן קול, אזוי אז א סטודענט אין ווייסע הויזען דרייט זיך האסטיג אום, קלערענדיג, אז איהם מיינט מען עס.

אויף קעניג-דזשארדזש גאס, העכער צו רחביה שפאצירט די „עליטע". מ'גריסט זיך געגענזייטיג. מען הויבט אן מיט זינגענדיגען „שאלאם" און מ'גייט אריבער אויף דייטש, ענגליש. א בחור מיט א מיידעל פלירטעווען גאנץ הויך אויף פויליש. טריט ביי טריט געהט א פערטראכטער אביסינישער ראס אין א אייראפעאישען אנצוג פון פאר דער וועלט-מלחמה, פריט נאך טריט געהט איהם נאך א בארוועסער דינער אין א אויסגעוואקסענער מארינארקע און רויטע הויזען, ד'ער פנים איז ביי איהם שווארץ ווי קויל און די ציין ווייס, ווי פריש געוואשענע גרעט.

נישט ארומקוקענדיג זיך אויף די עלעגאנטע פרויען אין די פערשידענפארביגע זומער-קליידער געהט בחברותא א מנין יודען אין אטלאסענע קאפאטעס און ריזיגע שטריימלען, ווי אויטא אפאנעס. אויף די קעפ.

ווי שווארצע קראען בעווייזען זיך צוויי קאפטישע גלחים. די קליידער, די האר, די פנימ'ער-אלץ איז שווארץ. שאטישע סאלדאטען אין קראטענע קליידלעך מיט גרויסע בערשט און אין ווייסע הויכע שיך מארשירען גרופענווייז.

דוכט זיך, ווי די גאנצע וועלט וואלט דא אריינגעשיקט פארשטעהער, כדי זיך צו רעפרעזענטירען אויפ'ן שבת'דיגען שפאציר אין ירושלים קאנטראסטען און נגידים בעוועגען זיך דא פונקט ווי עס הויזען צוזאמען אין ירושלים שוהלען און מאשעען, בתי-מדרשים, קירכען און צערקוועס.

און יודען אליין. וויפיעל שפראכען, וויפיעל קליידונגען, וויפיעל ראסען!

און אז מ'הויבט זיך אויף העכער אויף די בערגיגע גאסען און מ'קוקט אראב אויפ'ן מענשען-ים ווי פון פויגעל-פליה, זעהט מען ווידער א שלל פון פארבען, וועלכער הארמאניזירט זיך זעהר גוט און שטעלט פאר מיט זיך א קאלערען רייכען בילד פון דער אייביגער וועלט-שטאדט ירושלים, געמאלט דורך א געניאלען קונסטלער.

אין ירושלים פאלט דער אווענד גיך צו. עס לייכטען אויף גאסען-לאמפען, וויטרינעס, די לופט שניידט דורך די שטימעלעך פון די תימנ'ישע צייטונגספערקויפערס.

„הא-א-רם!" „דע-בר הא-עע-רעעב!"

ירושלים זינגט דער שבת-מלכה.

ווילנע—ירושלים דליטא

(פון א בעזוך)

III.

די יודישע פרעסע אין ווילנע

ווי בעוואוסט איז אין ווילנע געווען די ערשטע גרויסע יודישע דרוקעריי „האחים ראם", אין יענע יאהרען, ווען דאס יודישע לעבען האט זיך אנגעהויבען וועקען פון דעם הונדערט יעהריגען לעטארגישען שלאף, איז ווילנע געווען די שטאדט, וואו ס'זענען ערשינען כמעט אלע פארטיי-ארגאנען. אזוי איז דארט געדרוקט געווארען דער טעגליכער ארגאן פון „בונד"—„דער וועקער", שפעטער צוליב צענזור-טעמים זיך משנה געווען אויף: „פאלקסצייטונג", האפנונג", „מארגענשטער'ן" „פועלי-ציון" ווידער האבען ארויסגעגעבען „די יודישע ווירקליכקייט" און דעם „פראלעטארישער-געדאנק". די ס. ס.—„דער-וועג" („דער נייער וועג"), „דאס ווארט", די סיימיסטען—„די פאלקס-שטימע", די ציוניסטען—„דאס יודישע פאלק".

דאן איז אויך ארויס אין ווילנע א גאנצע רייהע טעגליכע, ווי דער „הזמן" און צייט בלעטער און חורש זשורנאלען, ארום וועלכע ס'האבען זיך גרופירט די בעסטע יודישע ליטעראטען.

היינט צו טאג ערשיינען אין ווילנע 5 טעגליכע צייטונגען און איין וואכענבלאט, ארגאן פון דער „אגודה".

די וויכטיגסטע פון די טאג-צייטונגען זענען: „די צייט", רעדאגירט פון חיים לעווין, „דער טאג"—רעדאגירט פון זלמן רייזען און דער „ווילנער ראדיא", וועמענס רעדאקטאר עס איז לייבעלע סטאצקי. דאן ערשיינען אויך דער „עקספרעס" און דער „אווענד-קוריער".

א סך וועלען פרעגען: צו וואס דארף ווילנע האבען אזש 5 טאג-צייטונגען? אויך איך האב די זעלבע פראגע געשטעלט, נאר גארנישט, זיי ערשיינען און עגזיסטירען. פערגעסט נישט, אז אין ווילנע איז נישטא כמעט איין יודישע שטוב, וואו ס'זאל זיך נישט געפונען א יודישע צייטונג.

קיין גרויסע גליקען מאכען זיי נישט, די יודישע זשורנאליסטען, אבי מען זשיפיעט.

כאראקטעריסטיש איז אויך דאס, וואס די יודישע זשורנאליסטען, כאטש זיי ארבייטען אין פערשידענע צייטונגען, האבען צווישען זיך א חבר'שע בעציהונג. זיי קומען זיך אפט צוזאמען, פערברענגען געמיטליך און עס פיהלט זיך נישט דער אנטאגאניזם, וואס אין אנדערע מקומות.

איך האב דורך דער קורצער צייט פון מיין זיין אין ווילנע פערברענגט אין דער סביבה פון די יודישע זשורנאליסטען און שטענדיג זענען זיי, די מיטארבייטער פון פערשידענע געגנערישע צייטונגען, געקומען צוזאמען און פריינדליך צווישען זיך פערבראכט.

יודישע זשורנאליסטען אין אנדערע שטעדט זענען נאך ליידער דערצו נישט דערוואקסען.

דאס פינטעלע יוד אין ווילנע

דאס יודישע ווילנע בעזיצט נישט בלויז קיין שוהלען, קלויזען, גמטא, ארימקייט אדער קולטורעלע און פילאנטראפישע אינסטיטוציעס, דא זעהט מען אויף שריט און טריט, סיי אין גאס סיי אין דערהיים, דאס מאדערנע פינטעלע יודישקייט, מיט וואס די דאזיגע שטאדט צייכענט זיך טאקי אויס פון אנדערע שטעדט ביי אונז אין פוילען.

שפאצירענדיג איבער די גאסען, זעהט איהר הענגען כמעט איבער אלע קראמען און קרעמלעך פיעל-פארביגע שרייענדע שילדלעך, פון וועלכע א חוץ דעם פוילישען אויפשריפט, ווארפען זיך אין די אויגען און רעדען אראב צו אייך יודישע אותיות אויף מאמע-לשון, אז דא געפונט זיך א שפייז-געוועלב, מאנופאקטור-סקלאד, גאלאנטעריע, בעקעריי, פריזיער א.א.וו. און מיינט נישט, אז די דאזיגע יודישע שולדען הענגען נאר אין די געטאגעסלעך, מען זעהט זיי אומעטום, אויף אלע גאסען, וואו ס'וואוינען נאר יודען, זיי הענגען אפילו איבער די העכסטע און גרעסטע ווילנער יודישע געשעפטען די דאזיגע יודישע אויפשריפטען געפונען זיך אויך אויף א סך יחסנות'דיגע, אריסטאקראטישע שילדלעך, ווי פון: אפטייקען, דאקטוירים, אדוואקאטען און אינזשינירען. מען טרעפט אויך די זעלבע יודישע שילדלעך אויף די טהירען פון פריוואטע מענשען און דאס מיט'ן עכט-יודישען נאמען: משה, דוד, יחזקאל, מאיר א. ד. גל., נישט אזוי ווי ביי אונז, פערקרימט און נאכ...

וואס געהערט, וואס געזעהן.

פון קהלה-געמויזעכץ.

כ'בין געווען זיכער, צו אויף די שפאלטען פון „וואס געהערט וואס געזעהן" וועט די קהלה אין ענין פון די וואהלען ערשט פערנעמען פ"אך אין עטליכע יאהר ארום, דאמאלס, ווען די קאדענץ וועט זיך ווידער ענדיגען. האבען שוין אבער מענשען אדער מענשעלעך געזארגט דערפאר, אז מען זאל זיך ווידער מוזען בעשעפטיגען אט מיט דעם קהלה געמויזעכץ.

אודך...

באלד נאך די קהלה - וואהלען איז טשענסטאכוו געווען די ערשטע שטאדט, וואס האט באלד אויטגעוועהלט א פרעזידיום, און נישט קוקענדיג דערויף, וואס ביי די ערשטע פרעזידיום וואהלען איז פארגעקומען א מכשול און אין עטליכע טעג שפעטער זענען פארגעקומען נאכאמאל וואהלען פון א פרעזעס, האט דאך אונזער טשענסטאכאוו מקדים געווען אנדערע קהלות און תיכף זענען אבגעשיקט געווארען צו דער אויפזיכטס-מאכט די פרויעיום-וואהלען צו בעשטעטיגען.

באלד אבער האבען זיך אנגעהויבען צו פערשפרייטען קלאנגען, אז דער פרעזעס ראזענבערג וועט נישט בעשטעטיגט ווערען. ס'זענען געווען אזעלכע, פון דער אפאזיציע פערשטענדליך, וועלכע האבען פערזיכערט אויף גאנצע הונדערט פראצענט, אז זיי ווייסען וואס זיי רעדען... די אנהענגער פון פרעזעס ראזענבערג האבען אבער דערין נישט געגלויבט. פארוואס — האבען די לעצטע געפרעגט — זאל מען איהם עפיס נישט בעשטעטיגען; זיין ליסטע האט אנעצויגען די גרעסטע צאהל שטימען, אויך אלס פרעזעס האט ער בעקומען א גרויסע מערהייט, די שטאדט האט צו איהם דעם גרעסטען צוטרוי, טא פארוואס, פארווען, היתכן? און צוריקגעשמועס!... ליידער האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז די אפאזיציע ווייסט וואס זי רעדט און טהוט. אויב זי האט געזאגט, אז מען (זאל) וועט נישט בעשטעטיגען, האט מען טאקי נישט בעשטעטיגט...

הכלל, מוזען דאך פארקומען פרישע וואהלען פון א פרעזעס. האט זיך אנגעהויבען א ביסעל מאנטשען און געמויזעכץ. פערשידענע ביהנען, וועלכע האבען געוואלט לעקען א ביסעל האניג, האבען אנגעהויבען צו זשומען, פליהען אויף אלע זייטען. אט האט זיך פלוצלינג בעוויזען אויפ'ן טשענסטאכאווער הארייזאנט דער גענעראל-קאמאנדיר, זיין עקסעלענץ ר' מיכל לייב ירום הודו מיט'ן ארויפגעשארצטען היטעל און גאך עטליכע „מלאכי-השלים", וועלכע האבען געוואלט פערדינען עולם הבא... און מען האט געשמאק געארבייט אין עסק, געלאפען, געטאראראמעוועט, געשמאיעט, צוגעזאגט, ציגעשוואוירען, מען האט אפילו אנגעשפארט צום „בונד". האט מען אזוי לאנג געשוויצט, ביז — ס'איז געקומען צום טיש.

די זיצונג איז געווען א פייערליכע, אלע 12 דאזארעס זענען געקומען אין קאמפלעט און מען האט ארויסגעשטעלט 2 קאנדידאטורען. דער סוף איז געווען, אז אלע 8 דאזארעס — פארדאן, איינער פון די אכט האט דעזערטירט. די דערמאנטע און נאך אנדערע שלאטען-שמשים האבען אין איהם דורך דער צייט אזויפיעל אריינגערעדט, אז ווען ס'איז געקומען צום וועהלען, האט זיך איהם געגעבען א מיש אין דעם שלראש, אז ער איז געבליבען זיצען, זאלט איהר מיר מוחל זיין, און אינגאנצען נישט געשטימט. די איבריגע אבער זענען געבליבען געטריי דעם אלטען פרעזעס און פאר איהם נאכאמאל געשטימט, אזוי אז זיי האבען געזאגט אודך...

אפשר וואלט שוין גענומען א סוף?!

ס'איז זעהר טרויעריג, ווען די יודישע קהלות, וועלכע דארפען זיין די קעמערלעך פון דער נאציאנאלער אויטאנאמיע, שטעהען אויף אזא נידריגען מצב און זענען אזוי בעשרענקט סיי אין זייערע קאמפעטענצען, סיי אין זייער מאטעריעלע לאגע. קומען דערצו נאך פון אינעוויינינג אין די קהלות דערנידריגען קאמפראמיטירען, מאכען צו שאנד און צו שפאט אין די אויגען פון דריטען צד, איז שוין גאר — ניין, כ'האב נישט קיין ווערטער, ווי אזוי עס אנצורופען.

כ'מיין נישט חלילה דערמיט עמיצען צו זאגען מוסר, זאל גאט אבהיטען, ווארום, אדרבה, פרובט נאר מיט עמיצען צו רעדען, וועט יענער אויף אייך ארויסשטעלען א פאר אויגען און מאכען א בעליידיגטע מינע, ווי אזוי מען קאן איהם הלילה אין אזעלכעס גאר חושד זיין... זאג איך דעריבער אזוי אין אלגעמיין, נישט מיינענדיג קיינעם פערזענליך, נאר טאקי גלאט אזוי אין דער וועלט אריין. איך זאג, רבותי, כלל-טהוער, דאזארעס, שטאדט-פערזארגער, הארציגע פארשטעהער, שוין! מען האט שוין אויפסנייר אויסגעוועהלט א קהלה-פרעזעס, אפשר וואלט שוין געווען גענוג, זאל מען זיך אוועקזעצען רוהיג ארבייטען. דאכט זיך, אז מיר יודען האבען זיך נישט צו בעקלאגען, קיין צרות פעהלט אונז נישט, טא וואלט שוין אפשר צייט געווען, אז מיר אליין זאלען זיך נישט מאכען לחרפה ולבזיון. הא, ווי מיינט איהר, אפשר וואלט שוין דאך גענומען א סוף?!

זיי דארפען האבען א הילף...

פאר עטליכע חדשים צוריק האט זיך אין טשענסטאכאוו געגרינדעט אזא מין „עזרה לחולים", וואס זאל האבען די אויפגאבע צו — איין גאט ווייסט וואס פאר א טעטיגקייט זיי האבען זיך געהאט געשטעלט. דער פרויען-פעראיין „עזרה" האט אבער נישט געקאנט דערלאזען, אז מען זאל איהר מאכען קאנקורענץ מיט'ן נאמען און געשטעלט וועגען דעם אנ'אולטימאטום. יענע האבען באלד מסכים געווען און זיך א נאמען געגעבען „ביקור חולים".

קורץ, די דאזיגע אינסטיטוציע האט פונקט אזוי, ווי אלע אנדערע, אנגעהויבען ארויסצושיקען אינקאסענטען מיט בלאטשקעס אויף חתונות כמנהג בישראל.

קומען אבער צו געהן מענשען און דערצעהלען, א-אט די „בקור חולים"-געזעלשאפט עגזיסטירט לגמרי נישט און דאס געלד, וואס די אינקאסענטען נעמען צוזאמען, געהט — איך גלויב נישט אין דעם, נאר פשוט, ווייל איך האב פיינד רכילות... כ'ווייס און אפשר קומט זיי דאס געלד צונוץ, ווייל זיי אליין זענען נעביך קראנק און דארפען האבען הילף...

„אויפגעשטאנען נייע קלעזמער און מאכען זיי דעם טויט".

שוין גענוג האבען זיך נעביך אנגעליטען די כלי-זמרים, וועלכע זעגען אויף צרות זינט ס'איז אויפגעקומען דער קלאנג - פילם. די יודישע כלי-זמרים האבען זיך דאן געווארפען אויף חתונות, ווארום, ווען איז דאס פארגעקומען אנ'אנשטענדיגע חתונה אהן מוזיק. שפעטער אבער איז דאס בענוצען מוזיק אויף א חתונה אויך אבגעשאפט געווארען און זעלטען טרעפט, אז א מחותן, וועלכער מאכט חתונה א טאכטער, זאל נאך אין זינען האבען אזא נארישקייט, ווי כלי-זמרים.

איז טאקי אויף די מוזיקער, וועלכע האבען געמאכט א לעבען פון זייערע מוזיקאלישע אינסטרומענטען, א גרויס רחמנות. פונדעסטוועגען בעקלאגען זיי זיך נישט אויף זייער גורל. וואס זיי פערדריסט אבער יא, איז דאס, וואס אז עס מאכט זיך שוין יא א געלעגענהייט צו פערדינען א פאר גילדען אויף א חתונה אדער אויף א באל, מיידט מען אויס די אלטע פראפעסיאנעלע כלי-זמר און מען נעמט אזעלכע, וואס קענען נאר קוים גרימפלען און דאס שפילען איז נישט זייער פרנסה.

שרייבט — בעטען מיך די נאך עטליכע איבערגעבליבענע כלי-זמר, וועלכע געדענקען נאך די אלטע גוטע צייטען פון די קינא'ס און די עלעגאנטע חתונות — שרייבט, אז מען זאל זיך אין אונז דערבארימען, אז טאמער מאכט מען שוין יא א שטיקעל שמחה מיט מוזיק, זאל מען אונז נישט אויסמיידען, נאר געבען צו פערדינען, ווייל זיי, די נייע קלעזמער, מאכען זיי דעם טויט...

ווער איז אין דעם שולדיג?

פערהאנען א סך יודישע בעלי-מלאכות, וועלכע ארבייטען נאר עטליכע חדשים אין יאהר, בלויז אין די סעזאנען. דאס זענען שניידערס שוסטערס און אנד.

דער גרעסטער סעזאן איז, ווי געוועגליך, פאר פסח, און היות ווי כמעט א גאנצען ווינטער זענען אונזערע געזעלען צוזאמען מיט זייערע מייסטער געווען ארבייטסלאז, איז דאך געווען מעהר ווי זיכער, אז קוים וועט קומען

געמאַלפּעוועט — וואָצלאַוו, טאַדעאוש, אזוי אז אפילו אין דער היגער נייער-שוהל ביים מזכיר-נשמות איז א יודישער נאמען טריפה...

דאס יודישקייט אין ווילנע זעהט מען נישט בלויז, נאָר מען הערט עס אויך גאַנץ געשמאַק און אויפ'ן הויכען קול איבער די גאַסען. דאס רוב דורכגעהער רעדען א מאָדערנעם שפּרודעלדיגען יודיש. מ'קאָן נישט זאָגען, אז „ירושלים דליטא" פערמאגט נישט קיין אַסימילאַטאָרישע שמענדריקעס, אָבער זייט זיכער, אז דאס זענען נישט קיין ווילנער, נאָר צוגערייזטע פון אונזערע מקומות אָדער גאַליציאַנער. אָבער דאס קליינע הייפעלע נאַכשלעפּער האט נישט קיין שום השפעה אויפ'ן יודישען קולטורעלען לעבען פון דער דאַזיגער שטאדט. זייענדיג אין ווילנע א קורצע צייט האט מען דעם איינדרוק, אז מען געפונט זיך אין א ריין-יודישער שטאדט. ווען איך בין דאָרט אַהין געקומען אין די פריה מאָרגען-שעה'ן, האָב איך בעגעגענט שילער געהן אין גימנאַזיום, וועלכע האבען גערעדט צווישען זיך הויך אויפ'ן קול יודיש. אויף מיר, א טשענסטאכאווער, וועלכער איז געוואוינט צו הערען פון יודישע קינדער נאָר פּויליש און דאס זאגאָר פון אַזעלכע, וועלכע קאָנען נישט די דאַזיגע שפּראַך און איך האָב זיך איינגעלעבט מיט דעם בעגריף, אז טאָמער רעדט מען יודיש, איז א סימן אז מען איז נישט קיין אינטעליגענט, האט דאס רעדען פון שילער און סטודענטען אויף יודיש געמאכט אַנ'אויסערגעוועהנליך אָנגענעהמען איינדרוק.

בעזונדערס מוז בעמערקט ווערען, אז דער ווילנע „עמך" איז נישט אזוי ווי ביי אונז עם-הארצ'יש. איך האָב שוין אויבען דערצעהלט, אז אין ווילנער גאונ'ס שוהל האָב איך געטראָפען זיצען לערנען גמרא פּראָסטע יודען, וואס ביי אונז קאָנען אַזעלכע חברה נישט קיין שייטעל עברי. שפּעטער אָבער האָב איך אויך געטראָפען יודישע דראָזשקאָזשעס זיצען אויף דער קעלניע און אָבמורמלען א מנחה. און ווען איך האָב זיך אריינגעלאָזט מיט אזא איינעם אין א געשפּרעך, האָב איך זיך דערוואוסט, אז א פּרשה חומש אָדער זאָגאָר א פּרק משניות איז פאַר איהם אויך נישט קיין תרגום-לשון...

אויך האבען אָט די דאָזיגע „עמך" יודען א גרויסען אינטערעס פאַר דער מאָדערנער יודישער קולטור, פאַר א יודישע צייטונג, בוך, טעאַטער, פאַרלעזונגען אד"גל איהר וועט בעגעגענען אין גאַס פיינע אינטעליגענטע פרייליינס אָדער בחורים געהן מיט א יודישער צייטונג אין האַנד. דאָרט שעמט מען זיך נישט דערמיט, אזוי ווי עס איז ליידער ביי אונז.

מיט איין וואָרט איך האָב זייענדיג אין ווילנע געהאט דעם אמת'ן „ויחד".

ס'האט מיך געפרעהט, וואס ס'זענען פערהאנען יודען שטאַלצע, וועלכע שעמען זיך נישט מיט זייער שפּראַך, מיט זייער קולטור; פון דער צווייטער זייט אָבער האט עס מיך פערדראָסען, וואס אונזערע היימישע יודען פון ק"ק טשענסטאכאָוו און אנדערע שטעדט אין פּוילען זענען אַזעלכע קריכענדיגע פּחדנ'ישע ברואים, וועלכע שעמען זיך מיט אייגענס און קרימען נאָר נאָך יענעמס.

אין ווילנע איז פערהאנען אויף אַלע געביעטען — סיי אין דער רעליגיעזער סיי אין דער נייער מאָדערנער קולטור, דאס אמת'ע פּינטעלע יוד.

אַסטראָבראַם-טויער

אין גאַנץ פּוילען איז בעקאַנט דער אַסטראַבאַם-טויער אין ווילנע.

פון דער געשיכטע פון ווילנע דערוויסען מיר זיך אגב, אז אין די יאהרען 1503—22 האט מען אַרומגעצוימט ווילנע מיט א פעסטונגס וואַנד, (מויער, וואַל), פון דעם נעמט זיך טאקי דער נאמען פון דער זאוואלנער גאַס: זאַוואַל—נע ד. ה. פאַר'ן וואַל) אין וועלכע ס'זענען פערהאַנען 9 טויערען.

דאס מערקווירדיגסטע פון די אַלע טויערען איז דער אַסטראַבראַם טויער, איבער וועלכען ס'איז אויפגעבויט א ספּעציעלע קאַפּליצע, וואו ס'געפינט זיך דאס בעריהמטע (פאַר קאַטאָליקען) אַסראַבראַמסקע בילד, צוליב וואס דער טויער איז טאַקי געשוינט געוואָרען אין אנהויב פון 19-טען יאהרהונדערט.

אין יאהר 1915 האבען די רוסען, פאַר'ן פערלאָזען די שטאדט, אונטערגעלייגט א באָמבע אונטער'ן אַסטראַבראַם-טויער. צום גליק האט די באָמבע ווייניג געשאַדט דעם אַסטראַבראַם. אויך אין יאהר 1919 איז דאָ פאָרגעקומען א קאַמף מיט רוסישע קאַזאַקען. און פיעל פון זיי זענען אומגעקומען ביים אַסטראַבראַם.

אין די יאהרען 1668—1671 בויען אויס די קאַרמעליטען איבער'ן טויער א קאַפּליצע פאַר דעם (אַסטראַבראַם-בילד) און אָט דער רוישיגער מאַרקפּלאַץ ווערט פערוואַנדעלט אין א רואיגען פּלאַץ פאַר גאָטעס דיענסטען, דערביי ווערען בעזייטיגט פון פּלאַץ אַלע הענדלער, צווישען וועלכע ס'זענען געווען פיעל יודען, די קאַרמעליטען בעגנוגענען זיך אָבער דערמיט נישט און אין יאהר 1748 קלאָגען זיי אָן די ווילנער יודען אין געריכט פאַר כלומר'שט שטערען די רוהה ביים אַסטראַבראַם. דאס געריכט האט זיך אָבער נישט געאיילט מיט'ן פּסק-דין און דער ענין פלעגט אַפּט איבערגעהן פון איין אינסטאַנץ צו אַנ'אַנדערער. אין יאהר 1785 האט דער הויפּט טריבונאַל אָבער אַרויסגעגעבען א פּסק-דין, לויט וועלכען ס'איז שטרענג פערבאָטען געוואָרען יודען צו זאַמלען זיך, האַנדלען, קויפען אָדער פערקויפען נישט נאָר ביים טויער, נאָר אפילו אויף דער אַסטראַבראַם גאַס, אין דעם זעלבען פּסק-דין ווערט אגב געזאגט, אז אויב א יוד געהט אַדורך דעם אַסטראַבראַם-טויער, מוז ער אַדורכגעהן שטיל און אַראָבנעמען זיין הוט, אין געגענפאַל קאָן ער צוגעצויגען ווערען צו געריכטליכער פעראַנטוואָרטליכקייט. די דאָזיגע פעראָרדנונג האט געבראַכט דערצו, אז ביז'ן יאהר 1828 האבען די ווילנער יודען בכלל אויסגעמיטען דעם אַסטראַבראַם; איצט געהען דורך דעם אַסטראַבראַם סיי קריסטען און סיי יודען און אַלע מוזען אַנטבלויזען די קעפּ.

אויפ'ן אוניווערזיטעט-הויף

רעדט מען דאָך אזוי פיעל וועגען ווילנער אוניווערזיטעט מיט די אַנטי-יודישע עקסצעסען, וועלכע קומען דאָרט פאָר, איז בעת מיין פריינד זלמן שיק האט מיר פאָרגעלייגט צו בעזוכען דעם אוניווערזיטעט-הויף, האט מיר געגעבען א טיאַכקע אין האַרצען. כ'ווייס? פאהרען קיין ווילנע און פאַלען א קרבן פון אינטעליגענטע כוליגאַנעס, האט זיך עפּעס נישט געגלוסט... כ'האָב אָבער נישט געקאַנט בעווייזען, אז איך בין א פּחדן. האָב איך זיך געמאַכט האַרץ און געגאַנגען.

אויפ'ן אוניווערזיטעט-הויף איז קיין בעזונדערס נישט דאָ צו זעהען. אַלזאָ וואס דען—איך האָב זיך נאָר איינגעהערט אין די רייד פון מיין פריינד, אליין א געוועזענער סטודענט, וועלכער האט מיר אָנגעוויזען, אז אָט אין דעם צימער האט זיך געלערנט מיצקעוויטש. אין יענעם צימער סלאָוואַצקי און אין דער תפיסה-קאַמער האט מען פערשפּאַרט יוזעף פּילסודסקי'ן דערפאַר, ווייל ער האט אלס סטודענט געפאָדערט, אז מען זאָל לערנען אויף פּויליש.

הער איך זיך אזוי צו צו די רייד פון מיין פריינד, וועלכער דערצעהלט וועגען דעם העראָאישען קאַמף פאַר פרייהייט און מענשליכער ווירדע, וואס האט זיך אָבגעשפּילט אין די דאָזיגע מויערען פון וויסענשאַפט און בילדונג. צוהערענדיג זיך צו די דאָזיגע שילדערונגען, האט מיין די פאַנטאַזיע אַוועקגעטראָגען צו יענע צייטען, ווען מענשען האבען זייער לעבען געאָפּפערט פאַר העהליכע אידעאַלען. איך זעה ווי דער גרויסער פּוילישער דיכטער מיצקיעוויטש בעוויינט די קייטען, מיט וועלכע מען האט געבינדען דאס פּוילישע פאָלק און בעזינגט גלייכצייטיג די פרייהייט, די אויפגעהענדע זון, וואס וועט בעלייכטען דעם פערוואָלקענטען פּוילישען הימעל. פון דער דאָזיגער פאַנטאַזיע האט מיך איבערגעריסען א הילכיג געלעכטער פון א חברה סטודענטען, וועלכע האבען זיך אַרויסגעלאָזט פון דער אוניווערזיטעט-ביבליאָטעק, ס'איז פערשוואונדען געוואָרען דער חלום פון די אַלטע צייטען און איך האָב זיך דערמאָנט אין דער איצטיגער טרויעריגער ווירקליכקייט.

איך בין געשטאַנען אין א ווינקעל פון הויף, געציטערט אויפ'ן גאַנצען קערפּער און שטילערהייט אָבגעזאָגט ודוי... נאָר זכות אבות איז אונז בייגעשטאַנען, וואס מיר זענען בשלום מיט גאַנצע ביינער אַרויס פון אוניווערזיטעט הויף.

ש. פראנק

טשעקאַווע ידיעות

אויסטערלישע רעקאָרדען

ווען מען ווערט געוואויר פון די אויסטערלישע רעקאָרדען, פון וועלכע מ'לעזט יעדען טאג אין די צייטונגען פון פערשידענע לענדער, אזוי כאַפּט מען זיך אָן ביים קאָפּ און מ'פרעגט זיך: צי איז נישט גלייכער די דאָזיגע מענשען צו שיקען אין א משוגעים-הויז? ס'קען דאָך נישט מעגליך זיין, אַז מענשען מיט נאָרמאַלע חושים זאָלען זיך נעמען אויסשטעלען אַזעלכע משוגענע רעקאָרדען און נאָרמאַלע מענשען זאָלען זיי נאָך בעוואונדערען און צומאָל צאָהלען פאַר די דאָזיגע נאַרישקייטען.

אָט האט מיט עטליכע חדשים צוריק אין אַ קליין אמעריקאַניש שטעדטיל איינער געוואונען אַ וועט: ער האט אין דרייסיג וואָכען (איין וואָכענד נאָכ'ן אַנדערען) אויסגעטרונקען נישט ווייניגער ווי פינפהונדערט ליטער ביער.

טשאַרל פּאַרטער אין סידניי (אויסטראַליע) האט געוואונען א וועט, אויסטרינקענדיג אויף אַמאָל צוועלף גרויסע גלעזער ביער, שטעהענדיג מיט'ן קאָפּ אַראָב...

אין בוענאָס איירעס (אַרגענטינע) האט איינער זיך געוועט, אַז ער וועט מיטאַמאָל אויסטרינקען אַ האַלבען ליטער ריצינאייל. דעם וועט האט ער געוואונען, אָבער וואס דער מאָגען האט געזאָגט דערויף, ווייסען מיר נישט.

אין נעלזאָן-וויל (דרום-אמעריקא) איז איצט איינער אַלט געוואָרען 82 יאהר, וואס עסט זייט פופציג יאהר יעדען טאג ניין אייער. דאס הייסט ביז היינט האט ער אויפגעגעסען 165 טויזענד אייער.

אין פּיסעק (טשעכאָסלאָוואַקיי) האט אַ יונגער פּויער געוואונען א וועט, אויפעסענדיג מיטאַמאָל 123 גרויסע בעהמישע קניידלעך.

סעם הערט אין פלאָרידאַ (אַמעריקאַ) האט אין משך פון איין שעה אויפגעגעסען נישט ווייניגער ווי 168 באַנאַנעס און ס'האט איהם גאָרנישט געשאַדט, צומינדעסט זאָגען אַזוי די דאָרטיגע צייטונגען,

בעת א יריד מיט עטליכע יאהר צוריק האט א קאַווע-פירמע פון בראַזיליע, בכדי צו ווייזען ווי גוט איהר קאַווע איז — האט איינער אויפ'ן אויסשטעלונגס-שטאַנד אויסגעטרונקען יעדען טאג הונדערט טעפּלעך קאַווע.

אָדער וואס זאגט מען צו רעקאָרדען פון פעטש-געבען? אין מיכאַלקאַ (דרום-אמעריקא) האבען זיך צוויי פּויערים אונטער קאָנטראָלע פון הונדערטער צושויער, זעקס און דרייסיג שעה כסדר געפּאַטשט. אויך א רעקאָרד...

אין טשיקאַגאָ איז איינער געזעסען 26 שעה אויף אַ בלאָק פון אייז, ביז מ'האט איהם אָבגעפיהרט מיט 40 גראַד פיבער אין שפּיטאָל אַריין.

אין לינץ (עסטרייך) האט די פּאָליציי מיט עטליכע וואָכען צוריק איינגעזעצט אַ רעקאַרד-זאַמלער, ביי וועלכען מ'האט געפונען אין די קעשענעס און אַרום דעם קערפּער: דרייהונדערט פלעשלעך, אַכציג לילקעס, פופציג מעסערס, דרייסיג לעפעל, פופצעהן גאָפּלען, צעהן צובראָכענע שערען און דריי קילאָ אַלט צייטונגס-פּאַפּיר. דעם דאָזיגען „רעקאָרד-זאַמלער" האט די פּאָליציי תיכף אָבגעפיהרט אין משוגעים הויז און דערמיט געטהון דאס קלוגסטע, וואס זי האט נור געקענט טהון.

פון פערשידענע זייטען ווערען אָבער אַזעלכע משוגענע, ווילדע רעקאָרדען נאָך גוט בעצאהלט. די מעטראָ-גאָלדווין-פילם-געזעלשאַפט אין האָליוואוד למשל, האט אַ גאַנצע מענאַזשעריע פון אַזעלכע „העלדען".

באָסטאָן בין למשל איז בכח אויף אַמאָל אויפצועסען צוועלף ליטער געבאַקענע פּיסאָלעס.

דזאָרזש דינלעפּ עסט אויף אין משך פון איין שעה נישט ווייניגער ווי 24 געבראָטענע קעלבערנע קאָטלעטען.

קלעם בעק עסט אין איין אָווענד צוואַנציג קילאָ כל'ערליי פיש.

עטאַ ברעמבבורדו עסט אויף מיטאַמאָל אַכט קילאָ איטאַליענישע לאָקשען.

ביי דער מעטראָ-גאָלדווין איז אויך אָנגעשטעלט טאָם סענגוס, וואס טרינקט אויס מיטאַמאָל צוויי און צוואַנציג ליטער ביער.

אין די אמעריקאַנישע קינאָ'ס ווייזט מען איצט אַ מאַן, אַלאַנד הייסט ער, וואס עסט אויף ביי איין מיטאָג: 16 קאָטלעטען מיט 6 קילאָ קאַרטאָפעל און טרינקט דערצו 15 ליטער ביער.

און אָט דער פילם לויפט אין גאַנץ דרום אמעריקא, אין כמעט יעדען אָרט שוין חדשים לאַנג און דער עולם איז נישט מיעד פון זעהען דעם דאָזיגען רעקאָרד, פאַר וועלכען די פילם-געזעלשאַפט האט געצאָהלט גאַנץ שעהנע האָנאָראַרען.

ז. האָבער, וויען.

צום פאַר-פסח'דיגען סעזאָן, וועלען זיי זיך א וואַרף טהון צו דער ארבייט מיט ברען און התלהבות. מיר אַלע האבען אָבער געהאט א טעות. מיט עטליכע וואָכען צוריק איז אויסגעבראָכען דער שוסטער-שטרייק, דאַן קאַמאַשען-מאכער-שטרייק און די וואָך — אַ שניידער-שטרייק.

מעגליך, אַז בעת די דאָזיגע שורות וועלען קומען צו די לעזער, וועט שוין זיין נאָכ'ן שטרייק. אָבער בלויז דאס, וואס די דאָזיגע פּועלים האבען גראָדע פערשטרייקט בעת דער סעזאָן הויבט זיך אָן, מוז דאָך האבען א געהעריגע סיבה, צוליב א קאַפּריז, וועט מען דאָך נישט שטרייקען. האָב איך זיך דעריבער געוואַנדען צום שטרייק-קאָמיטעט און אָט וואס מען האט מיר ערקלערט:

ווי בעקאַנט ארבייטען די דאָזיגע בעלי-מלאכות סך הכּל אַנ'ערך 4 חדשים דורכ'ן יאהר און דערפון דאַרפען זיי לעבען אַ גאַנץ יאהר. אַז זיי מאַכען נישט קיין גליקען, איז מעהר ווי זיכער. אויב דאס איז נאָך ווייניג, איז אין משך פון די ווינטער חדשים דאס יקרות געשטיגען אויף אַ סך פּראָצענט, איז כדי כאָטש צו האבען עפּיס פאַר דער ארבייט, זענען זיי אַרויס אין שטרייק.

איך מיש זיך נישט אַריין און וויל נישט זאָגען מיין מיינונג וועגען דעם גאַנצען ענין. איין זאַך איז אָבער קלאָר, ווי די ארבייטער ערקלערען, אַז אין שטרייק איז שולדיג נישט זייער שלעכטער ווילען, נאָר דער יקרות, וואס ברענט ווי א פייער.

די מייסטער ווידער טענה'ן, אַז די אַרבייטער בעגנוגען זיך נישט בלויז מיט דער ארבייט אין ווערקשטאַט, נאָר אַרבייטען נאָך אינדערהיים אויף בעשטעלונגען. זאָגען ווידער די אַרבייטער, אַז מען זאָל זיי פערזיכערען אַ מינימום-לוין אין די ווערקשטאַטען, וועלען זיי אינדערהיים נישט דאַרפען אַרבייטען. ענטפערען ווידער די מייסטער — זאָגען ווידער די געזעלען — הכלל, טענה-אַהין טענה-אַהער — האט מען נישט געקאַנט אַדורכקומען און האַרט פאַר'ן פּסח סעזאָן איז אויסגעבראָכען דער שטרייק.

אַלזאָ, ווער איז אין דעם סוף-כל-סוף שולדיג?

דער פאַר פּסח'דיגער יריד האט זיך שוין אָנגעהויבען

אונזער עקאָנאָמישע לאַגע ווערט פון טאָג-צו-טאָג אַלץ ערגער, אזוי, אַז כדי צו בעקומען א פונט חמץ ווערט מען אויסגעריסען און פערשוואַרצט, וואָלט עס זיך כאָטש געענדיגט מיט דעם, וואָלט אויך גוט געווען, ווי זאָגט דאָך דאָרט דער פּסוק: בזעת אפיך תאכל לחם, ווילסטו פרעסען ברויט, טאָ ווער פערשוואַרצט און פערפינסטערט, וואס קומט אָבער אַרויס, אַז נישט יעדער פון אונז האט אפילו צו דעם אויך די זכייה.

ווי עס זעהט אויס א גאַנץ יאהר מילא, דאַרף מען אייך נישט שילדערן. קומט אָבער דער ליבער פּסח הויבט זיך אָן דער אמת'ער יריד.

קודם כל הויבט זיך אָן א קאָכעניש אין דער קהלה, מען רופט צונויף קאָנפערענצען און זיצונגען פון שטאָדטישע בעלי-בתים, כדי זיך צו בעראַטען, ווי אזוי מען זאָל צונויפזאַמלען די קמחא. און ווי געוועהנליך קומען אויף אַזעלכע זיצונגען נאָר געצעהלטע, די געשוואוירענע קמחא-זאַמלער, וועלכע רעדען יעדעס יאהר דאס זעלבע: עס איז א קריזיס, מענשען ווילען נישט געבען, דאס צונויפנעמען די קמחא איז אַנ'אָבקומעניש און ס'ענדיגט זיך דערמיט, וואס עטליכע פאַרלעך פערשרייבען זיך צו געהן זאַמלען. ווי אזוי עס וועט היי-יאהר אויסזעהן, בעת די קהלה נעמט נישט קיין אָבצאָהל פון מעהל און וויל דאס גאַנצע געלד, וואס זי דאַרף פערטיילען צונויפנעמען פון דער בעפעלקערונג, איז שווער פאָרצוזאָגען.

אויך ביי די מצה-בעקער רודערט זיך. מען האַלט אָב פערזאַמלונגען אין צעך, מען בעשטימט וועלכע בעקער ס'זאָלען זיך פערנעמען מיט'ן מצות-אויסבאַק און וועלכע ס'זאָלען זיך פערנעמען מיט'ן חמץ-אויסבאַק, דאַן קומען פאָר קאָנפערענצען צווישען די מצה-בעקער מיט די אַרבייטער. און ווי געוועהנליך ענדיגט מען דאס נישט אויף איין קאָנפערענץ, נאָר מען רייסט איבער און מען האַנדעלט אוגטער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און ערשט די לעצטע מינוט קומט מען צווישען זיך אַדורך.

אויך די וואָך האט מען געהאַלטען אין איין אונטערהאַנדלען און הלוואי, ווען מייגע שורות וועלען דערזעהן די ליכטיגע שיין זאָלען שוין די אונטערהאַנדלונגען זיין פערענדיגט.

די מצה-בעקער זענען מבטיח, אַז נישט קוקענדיג דערויף, וואס מעהל איז היינט טייער וועלען זיי זיך דאָך בעמיהען, אַז מצות זאָלען זיין ביליג. און דעריבער זענען די אונטערהאַנדלונגען צווישען די מייסטער מיט די אַרבייטער היי-יאהר אַביסעל מעהר קאָמפּליצירט.

דאַן ווערט געשאַפען אַ ספּעציעלער קאָמיטעט איינצואָרדנען די זעלנער-קוך אויסער די ראַהמען פון דער קהלה, וועלכע ווי ס'איז פון פריהער פאָרצוזעהען, וועט זי היי-יאהר נישט קאָנען דיספּאָנירען מיט קיין ספּעציעלע פאָנדען פאַר דער זעלנער-קוך.

אויך די צוויי הילפס-אינסטיטוציעס „תומכי-עניים" און „בית-לחם" שוויצען דערווייל אויף די אסיפות און טראַכטען ווי אזוי איינצואָרדנען היי-יאהר זייער פערטיילונג און יעדע פון די צוויי אויבענדערמאַנטע אינסטיטוציעס טראַכט אַלץ ווי אזוי צו מאַכען, דאס זי זאָל קאָנען מעהר פערטיילען פון דער קאָנקורענץ...

די צוקער בעקער זיצען אויך נישט ליידיג. א גאַנץ יאהר זעהט מען גערן, אז מען האט אויף א שטיקעל ברויט, קומט אָבער פּסח, ווען חמץ איז אסור בהנאה—מוז מען דאָך עסען צוקער-געבעקס. נו, נו, מוז מען זיך דאָך נעמען צו די כלים.

די איינציגע, וועלכע זיצען דערווייל רוהיג און טהוען גאָרנישט זענען די אָרימע יודען, וועלכע ווייסען נישט ווי אזוי זיי וועלען אַריינברענגען דעם פּסח אין שטוב אַריין, אויסער ווען ס'זאָלען געשעהן די זעלבע נסים, וואס ביי יציאת-מצרים, נאָר היות ווי קיין נסים זענען שוין היינט נישטאָ איז טאַקי ביטער זייער לעבען. אָט פאַר זיי, פאַר די אָרימע אומגליקליכע יודען איז דער פּסח נישט מעהר ווי א בייז אַנשיקעניש.

נישט געזאָרגט אָבער, די יודישע טאָרבע איז שוין אזוי אַלט ווי דאס יודישע גלות און זאָל מען האָפען, אז אויך היי-יאהר וועלען די רחמנים בני רחמנים נעמען די טאָרבע אין האַנד אַריין און געהן צונויפקלויבען פאַר דער יודישער נויט אויף פּסח.

הכלל, נישט קוקענדיג דערויף, וואס היי יאהר פאַלט אויס יום טוב אין חודש מערץ, ווען אינדרויסען איז נאָך א קאַלטער רעגענדיגער ווינד, האט זיך דער פאַר פּסח'דיגער יריד שוין אָנגעהויבען.

לויתן

די נייעסטע ציוקולארען פון פינאנץ-מיניסטעריום

פון אדוו. ע. שעסקין

די טעמא פון איצטיגען ארטיקעל וועט זיין אנ׳אלגעמיינער איבערבליק פון די לעצטענס ארויסגעגעבענע צירקולארען פון פינאנץ-מיניסטעריום. עטליכע פון די דאזיגע צירקולארען האבען א זעהר גרויסע פראקטישע בעדייטונג און אויף זיי דארף מען לענקען א בעזונדערע אויפמערקזאמקייט.

אין דער ערשטער רייהע האט א גרויסע פראקטישע בעדייטונג דער צירקולאר, וועלכער גיט ערקלערונגען אין דער פראגע, צי האנדווערקער, וועלכע קויפען סחורות, כדי זיי איבערצואַרבייטען אדער צו בענוצען אין דעם געפיהרטען פאך, אונטערליגען דעם בעגריף קאנסומענטען אדער קליינהענדלער. דער דאזיגער ענין האט א בעדייטונג ביים קוואליפיצירען די אונטערנעהמונגען, וועלכע פערקויפען סחורות צו אזעלכע האנדווערקער, צו דער דריטער אדער צווייטער קאטעגאריע.

ווי בעקאנט פאדערט דאס געזעץ וועגען אומזאץ-שטייער א צווייטע האנדעלס קאטעגאריע פון די אונטערנעהמונגען, וועלכע פערקויפען סחורות פאר קליינהענדלער, דאגעגען ביים פערקויפען אויסשליסליך קאנסומענטען איז גענוג א דריטע האנדעלס קאטעגאריע. דער דאזיגער צירקולאר פעררופט זיך אויף דער דעציזיע פון העכסטען אדמיניסטראטיווען טריבונאל, וועלכער שטעלט פעסט, אז האנדווערקער, וועלכע קויפען סחורות, כדי זיי איבערצואַרבייטען אדער צו פערנוצען ביים פיהרען דאס פאך, זענען נישט קיין קאנסומענטען פון די דאזיגע סחורות. אויב זיי גיבען זיי אב אלס א בעשטאנד-טייל פון שאפען דאס דאזיגע פאך. ערשט דער וועלכער קויפט די דאזיגע האנדווערקער-אויסארבייטונגען איז לויט׳ן זין פון געזעץ א קאנסומענט. דער צירקולאר פעררופט זיך אויף דער דעציזיע פון העכסטען געריכט פון 16 פעברואר 1933, אין וועלכער דאס העכסטע געריכט האט פעסטגעשטעלט, אז שוסטערס, וועלכע קויפען לעדער און אנדערע סחורות צו מאכען שיך אויף צו פערקויפען, זענען נישט קיין קאנסומענטען, נאר אונטערליגען אונטער׳ן בעגריף פון קליינהענדלער. אין רעזולטאט שטעלט פעסט דער צירקולאר, אז אין די דאזיגע פאלען איז דער פערקויף פון אזעלכע סחורות צו האנדווערקער פערלאנגט נישט קיין דריטע נאר א צוויטע האנדעלס קאטעגאריע.

א גרויסע פראקטישע בעדייטונג האט אויך דער צירקולאר, וועלכער איז נוגע דעם אופן פון אדורכפיהרען ענדערונגען אין אויסמעסטען דעם לאקאל-שטייער אויפ׳ן יאהר 1937. ווי בעקאנט זענען אין פויריגען יאהר אדורכגעפיהרט געווארען די אויסמעסטונגען פון לאקאל-שטייער פאר צוויי יאהר צוזאמען אויף דער צייט פון 1936 און 1937. אויב אין מאל ווען דאס דירה געלד איז פערקלענערט אדער פערגרעסערט געווארען מיט מעהר אדער ווייניגער ווי 10 פראצענט צום יסוד פון דער אויסמעסטונג פון יאהר 1936, אדער אויב ס׳האט זיך געענדערט די פערזאן, וועלכע פערנעמט דעם לאקאל, דארף מען אין ערשטען פאל מיטטיילען די פעראינטערעסירטע דורך א ספעציעלען בריף וועגען דער ענדערונג אין יסוד פון אויסמעסטען דעם לאקאל-שטייער און אין צווייטען פאל דארף מען ארויסשיקען דער נייער פערזאן א נייע צאהלונגס אויפפאדערונג.

אינטערעסאנט איז אויך דער צירקולאר וועגען פעסטשטעלען דעם אומזאץ פון האנדעלס-פארמיטלער פון אויסלענדישע פירמעס, וועלכע פיהרען גלייכצייטיג האנדעלס-ביכער אויף אייגענער רעכנונג מיט סחורות פון די זעלבע פירמעס. ס׳האט זיך דא געהאנדעלט וועגען פעסטשטעלען, צי דער דאזיגער פערמיטלער דארף בעשטייערט ווערען פון אומזאץ, וועלכע זענען געמאכט אין כאראקטער פון א האנדעלס-פערמיטלער לויט דער בעקומענער פראוויזיע, צו פון דעם פולען סחורות אומזאץ. דער צירקולאר פעררופט זיך אויפ׳ן געזעץ וועגען אומזאץ-שטייער און געמליך אויף דער פארשריפט פון ארט. 5, פונקט 5, אז „דאס פיהרען א האנדעל גלייכצייטיג אויף אייגענער און פרעמדער רעכנונג איז נישט קיין שטערונג פעסטצושטעלען דעם אומזאץ-שטייער פון פראַוויזיע". לויט דער דאזיגער פארשריפט ערלויבט דאס פינאנץ-מיניסטעריום צו אונטערשיידען דעם אומזאץ אויף דארט וואו ס׳האנדעלט זיך וועגען אויסלענדישע פירמעס.

מ׳דארף נאך ברענגען דעם צירקולאר פון פינאנץ מיניסטער וועגען אראברעכענען די לוינען, וועלכע מען צאהלט די פאמיליען מיטגלידער. דער דאזיגער צירקולאר ערלויבט אויף אראבצורעכענען די לוינען פון די אנגעשטעלטע אין דער אונטערנעהמונג אפילו דעמאלט ווען זיי זענען פאמיליען מיטגלידער פונ׳ם צאהלער. דער דאזיגער צירקולאר האט א גרויסע פראקטישע בעדייטונג ביים אויסמעסטען דעם הכנסה שטייער.

די גרויסע סטעמפעל-אבצאהלען און ביוראקראטישע פארמאליטעטען שטערען ביים ענטשטעהן פון נייע האנדווערקער-ווערקשטאטען

דאס אנהויבען א זעלבסטשטענדיגע ארבייט אין דער מלאכה, איז נישט אזא פשוט׳ער ענין, ווי דאס וואלט זיך געקענט אויסדאכטען, דערצו דארף מען האבען נישט נאר אלע קוואליפיקאציע צייגנישען, לאקאל ארבייטסמכשירים און רויה-שטאף נאר קודם כל געלד און דאס פיעל געלד אויף די פערשידענסטע קאסטען, וועלכע זענען פערבינדען מיט ערלויבנישען, פאטענטען, סטעמפעל-אבצאהלען, וועלכע ווערען אנגעקלעבט אויף פאפירען ביי פערשידענע פענסטערלעך פון אונזער ביוראקראטישער מאשין.

דאס אלץ גיט נישט צו קיין חשק די האנדווערקער צו בויען אנ׳אייגענעם ווארשטאט ער מיידט אויס צו קויפען א האנדווערקער-קארטע און בכלל זיך צו טרעפען מיט פערשידענע אמטען, אפטמאל רעזיגנירט דער בעל-מלאכה צוליב דעם אינגאנצען פון עפענען אנ׳אייגענעם האנדווערקער-ווארשטאט, ביים עפענען אבער האנדווערקער ווערשטאטען בעקומען דאך בעשעפטיגונג ארבייטסלאזע און דעריבער וואלט מען געדארפט קומען צו הילף דער פריוואט-איניציאטיווע און נישט בעשווערען.

צוליב דעם האבען מענכע קאמערן זיך ארויסגעזאגט פאר אבשאפען דעם סטעמפעל-אבצאהל און די פערוויקעלטע פארמאליטעטען, וועלכע ווערען פערלאנגט ביים עפענען א האנדווערקער-ווארשטאט. לויט׳ן פארשלאג פון דער האנדווערקער-קאמער דארפען זיין פריי פון אבצאהל די אנמעלדונגען וועגען אנהויבען צו פיהרען א האנדווערקער-ווארשטאט אויב מ׳האט א האנדווערקער-קארטע. דער פארשלאג איז איבערגעשיקט געווארען צום פינאנץ-מיניסטעריום מיט דער ביטע אבצושאפען די דאזיגע אבצאהלען שוין פון 1 אפריל 1937.

אבגעלעגט די נעכטיגע זיצונג פון שטאדט-ראט.

צוליב דער אבוועזענהייט פון שטאדט-פרעזידענט שטשאדראווסקי און וויצע-פרעזידענט דזשובא, וועלכע ווילען אין קראקא איז די נעכטיגע שטאדט-ראט-זיצונג געווארען אבגעלעגט אויף אנ׳אנדערן טערמין. די דאזיגע זיצונג וועט וואַרשיינליך פארקומען מאנטאג אדער דינסטאג קינפטיגע וואך.

פון דער יודענשטאטס-פארטיי.

שבת, דעם 13-טען ד. ח. 9 א זייגער אוועגד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל (ב. יאטעלעוויטשא 9) אנ׳אוועגד אונטער׳ן נאמען: „א לעבעדיגע צייטונג" פון זעהר א רייכען ערנסטען און הומאריסטישען מאטעריאל, מיט דער בעטייליגונג פון מיסטער זעליגמעלד.

חברים און סימפאטיקער ווערען געבעטען צו קומען.

ZAWIADOMIENIE.

Mam zaszczyt zawiadomić, iż po powrocie z Paryża, gdzie ukończyłem Państwową Akademię Kroju i Szycia, z wieloletnią praktyką najpoważniejszych firm w Warszawie, otworzyłem

Pierwszorzędny Paryski Zakład Krawiecki Męski pf. „TRES-CHIC"

w Częstochowie przy ul. Najśw. Marii Panny 33 m. 13, telef. 11-87.

Zakład mój jest zaopatrzony w najnowsze towary sezonowe krajowe i angielskie oraz żurnale z Domów Mód francusk. i angielsk. Wykonanie solidne. Praca wykwintna. Warunki dogodne. Polecając się łask. względom Sz. Klijenteli, pozostaję z poważaniem

M. Rozenblum, dypl. akademik Państw. Akad. Kroju i Szycia w Paryżu.

ברידער, יודען!

כל דכפין ייתי ויכול.

ווער איהר אימשטאנד זיין געניגענצוטהון אנ׳ארמען פון הונגעריגע, בשעת איהר וועט זאגען דעם כל דכפין?

ווילט איהר, אז די דאזיגע ווערטער זאלען נישט זיין קיין פוסטע פראזע, מוזט איהר בעצייטענס זארגען דערפאר, אז די פאמיליעס פון אייערע ברידער זאלען נישט שמאכטען פון הונגער אין דעם מאמענט, ווען איהר זיצט ביים סדר-טיש.

זייט אבער רוהיג, ווייל אייך צו הילף קומט דער „בית לחם".

אונזער אינסטיטוציע נעמט אויף זיך די אויפגאבע צו פערזארגען מיט לעבענס מיטעל אויף יו"ט בכבוד׳ע געפאלענע יודען.

אבער אהן דער פינאנציעלער שטיצע פון דער יודישער געזעלשאפט קען דער „בית לחם" זיין אקציע נישט דורכפיהרען.

ווייסט איהר ברידער, אז די צאהל פון די נויטבעדערפטיגע יודישע פאמיליעס אין אונזער קהלה איז נישט ווייט פון 1000?

די דאזיגע ציפער בעדארף קיין פירושים און גיט אונז א ריכטיג בילד פון דער טרויעריגער עקאנאמישער לאגע פון טשענסטאכאווער יודענטום.

דעריבער ווענדען מיר זיך צו אייך מיט דער בקשה צו שטיצען אונז פינאנציעל אויף א געהעריגען אופן.

זעהט, אז מיט אייערע מעשים זאלט איהר פערדינען, דאס דער זמן חרותנו הבעל"ט זאל אונז מיטברענגען אויך די בעפרייאונג פון דער קריטישער ווירטשאפטליכער סיטואציע.

מיר דאנקען פאראויס אין נאמען פון די פיעל נויטליידענדע המיחלים לישועה.

די פערוואלטונג פון דער געז. „בית לחם".

טשענסטאכאוו, ער"ח ניסן תרצ"ז.

די נדבות אויפ׳ן חשבון פון „בית לחם" קענען איינגעצאהלט ווערען אין פאלגענדע בענק:

Częstochowski Bank Spółdzielczy, Aleja 7
Bank Przemysłowców i Kupców, Aleja 22.

קאנפערענץ אין דער קהלה וועגען דער היי-יעהריגער קמחא-אקציע.

אין צוזאמענהאנג מיט׳ן דערנעהנטערן זיך פון פסח און די גרויסע נויט, וואס הערשט אויף דער יודישער גאס, האט די קהלה-פערוואלטונג גערופען אויף זונטאג, 11 א זייגער פארמיטאג, אין גמינע-לאקאל א קאנפערענץ פון די היגע בעלי-בתים און לאנג-יעהריגע קמחא-זאמלער, וועגען אויסארבייטען א פלאן פון דער היי-יעהריגער אקציע.

פרעזעס ראזענבערג עפענט די קאנפערענץ און בעלויכט די ציעלען פון דעם היינטיגען צוזאמענקום. ער זאגט צווישען אנדערעס, אז לעולם איז ער שטענדיג געווען אנ׳אנהענגער פון נישט גיהן מעהר זאמלען איבער די שטובען אויף קמחא און דריקט אויס זיין וואונש, אז מיר זאלען דערלעבען, דאס יודען זאלען נישט מעהר דארפען נעמען קיין קמחא. דערווייל אבער האלט עס נאך נישט דאביי. יעדענפאלס, רעכענט מען, אז היי יאהר וועט שוין זיין דאס לעצטע מאל, ווען מ׳וועט געהן איבער די שטובען זאמלען געלד. דאס מאל וועט דאך זיין לייכטער די אויפגאבע, ווייל ס׳זענען פינאנדערגעשיקט געווארען אויפרופען צו דער היגער יודישער בעפעלקערונג, אז יעדער זאל זיך בעשטייערן מיט א סומע פון 20 ביז 25 פראצענט פון זיין עטאט אויפ׳ן יאהר 1936 און אויב ער וועט דאס נישט טהון פרייוויליג, וועט זיין עטאט געהעכערט ווערען מיט דער דאזיגער סומע.

ה׳ סודאוויטש פרעגט, וואסערע כאראקטער ס׳זאל טראגען דאס איצטיגע זאמלען, צי אזוי ווי תמיד, וויפיעל איינער וועט געבען, אדער אבליגאטאריש 20—25 פראצענט.

ה׳ פאגעל: צוויי קארדינאלע ענדערונגען זענען היי-יאהר געמאכט געווארען. די ערשטע אויסבעסערונג איז דאס, וואס דורך דער גמינע איז אבגעשאפט געווארען דער אבצאהל, אויף יום-טוב׳דיג מעהל, במילא וועלען די מצות זיין בילינער און — צווייטענס — וועט קיינער שוין איצט נישט דארפען צאהלען — דירעקט און אונדירעקט — קיין מצה-שטייער. מען דארף וויסען, אז פון די 7000 זל. וואס די קהלה האט אין לעצטען יאהר געהאט הכנסה פונ׳ם אבצאהל אויף מעהל, זענען זיכער 5000 זלאטעס איינגעפלאסען פון די ארימסטע שיכטען, וועלכע האבען אליין גענומען קמחא. די דאזיגע עולה איז טאקי בעזייטיגט געווארען.

עס רעדען נאך פערשידענע בעלי-בתים, וועלכע ברענגען אבער נישט אריין קיין שום נייעס.

זיי אלע ענטפערט אב פרעזעס ראזענבערג, וועלכער זאגט, אז ווען נישט די שפעטע צייט, וואס לאזט זיך שוין גארנישט אויפטהון, וואלט מען די היינטיגע קאנפערענץ גארנישט גערופען. אויף איבער א יאהר וועט מען גלייך אין בודזשעט ארייננשטעלען די 20 פראצענט פון עטאט און די סומע וועט רעזערווירט ווערען אלס א ספעציעלער פאנד, וואס וועט לאקירט ווערען אין באנק. דאס דאזיגע האט זיך שוין ליידער נישט איינגעגעבען איצט צו מאכען. דעריבער אפעליר איך צו אייך — זאגט ה׳ ראזענבערג — אז איהר זאלט נאך צום לעצטען מאל אדורכפיהרען די זאמלונג און די היגע יודישע בעפעלקערונג וועט זיכער זיך ווארים אברופען און זיך בעשטייערן גוטאיליג מיט דער סומע, וואס ס׳מאכט אויס, ווייל סייווי וועט דאס קיינעם נישט מיידען.

צום שלוס ווענדעט ער זיך נאך צו די פערזאמעלטע, זיי זאלען זיך נעמען ענערגיש צו דער זאך, ווייל די צייט איז קורץ.

מיט׳ן פערשרייבען זיך אויף דער ליסטע צו געהן זאמלען, ווערט די קאנפערענץ געשלאסען.

דאס אינערליכע שפיטאל פון וואשינגטאנא-גאס ווערט איבערגעטראגען.

אין די נאהנטסטע טעג זאל שוין פארקומען דאס איבערטראגען דאס שפיטאל פאר אינערליכע קראנקהייטען פונ׳ם ביז-איצטיגען בנין אויף וואשינגטאנא גאס אינ׳ם שטאדטישען הויז אריין אויף שוו. בארבארי.

נאכ׳ן ארויסגעהן פון שפיטאל פונ׳ם הויז אויף וואשינגטאנא-גאס, וועט דארט אהין איבערגעטראגען ווערען די געזונדהייטס אבטיילונג צוזאמען מיט אלע אבטיילונגען.

פון בוכהאלטערען - פעראיין.

דעם 9 טען ד. ח. האט דער פיזנער דעפוטאט גלאוואצקי אריינגעטראגען אין סיים א געזעץ פראיעקט, וואס שטעלט מיט זיך פאר א גרויסע סכנה פאר׳ן בוכהאלטערען-פאך.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם רופט דער בוכהאלטערען-פעראיין א בוכהאלטערען-פערזאמלונג פאר מיטגלידער און נישט-מיטגלידער אויף קאנטאג, דעם 15-טען ד.ח. 8.30 אוועגד אין אייגענעם לאקאל, פילסודסקי-גאס נר. 11 (קלוב פון לינגוויסטען).

אויף דער פערזאמלונג וועט פארגעלעזען ווערען דער געזעץ פראיעקט.

צוליב דער וויכטיגקייט פון דעם דאזיגען ענין ווערען אלע בוכהאלטערען אויפגעפאדערט, אין אייגענעם אינטערעס, צו צומען אויף דער אינפארמאציאנס-פערזאמלונג.

פון קאמעראל-טעאטער.

היינט, פרייטאג 8.30 א זייגער אוועגד ווערט איבערגעחזר׳ט די פרעמיערע א.ט. „דער איינברוך" פון א. גזשימאלא שעדלעצקי ביים אנטייל פון אויסגעצייכענטען אנסאמבל אונטער דער רעזשי פון ק. פארבערט, דעקאראציעס פון קראסאווסקי.

שבת, דעם 13-טען ד.ח. 5 א זייגער נאכמיטאג די ענטוזיאסטיש-אויפגענומענע קאמעדיע „מענשען אויפ׳ן אייז" אונטער דער רעזשי פון יאן באנעצקי. 8.30 אוועגד — „דער איינברוך" פון גזשימאלא-שעדלעצקי.

א צווייטער וויצע-פרעזעס אין היגען קרייז-געריכט.

עס ווערט מיטגעטיילט, אז דאס יוסטיץ-מיניסטעריום האט בעשלאסען צו נאמינירען קיין טשענסטאכאוו א צווייטען וויצע פרעזעס פאר׳ן קרייז געריכט, וועלכער וועט איבערנעמען די לייטונג פון דער שטראף אבטיילונג. אויפ׳ן אמט פון צווייטען וויצע פרעזעס אין קרייז-געריכט זאל נאמינירט ווערען דער וויצע פרעזעס פון קרייז-געריכט אין שעדלעץ ה׳ אלשעווסקי.

די הויפט לייטונג פון קרייז געריכט, ווי אויך פון דער ציוויל-אבטיילונג וועט ווייטער פיהרען דער וויצע-פרעזעס אנטאני קעלער.

נדבות פאר דער געז. „תומכי עניים"

ביי ה׳ משה שידלאווסקי אויף א שוהל-פיהרען נדרים פון עליות 12.72 זל.

ה׳ שיפער צו דער חתונה פון זיין שוועסטער 5 זל.

ה׳ אבראמזאן צו דער חתונה פון זיין טאכטער 1 זל.

ה׳ גרונדמאן 50 גר.

ה׳ אברהם פרידמאן און פרוי צו דער בר-מצוה פון זייער זוהן 10 קילא ברויט.

ה׳ וואלף דרעסלער צו דער חתונה פון זיין טאכטער 10 קילא ברויט.

ה׳ קלמן רייכער און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאכטער 10 קילא ברויט.

ה׳ שמשון גראבינער און פרוי צו דער בר-מצוה פון זייער זוהן 4 קילא ברויט.

ה׳ אלטמאן א נדר 2 קילא ברויט.

זעלבסטמארד-פרוב פון א 64-יעהריגען זקן.

מיטוואך ארום 7 א זייגער אין אוועגד האט אינ׳ם הויז אויף לודזקא גאס 10, געפרובט צו בעגעהן זעלבסטמארד דורך אויסטרינקען דענאטורירטען ספיריטוס — דער 64 יעהריגער אויגוסט מאיעווסקי, אהן שטענדיגען וואוין-ארט.

צערעס

כשר לפסח

כשר פסח'דיג, נישט פעטערטעטבאר
אין יעדער כשר'ער קיך

צערעס דער אידעאַלער קאַקאָס-פעטס ווערט אויסגעארביים אונטער דער שטרענגער השגחה פון הרב ר' שמחה פרענקעל פון סקאַווינא
אין קען עמפפעהלם ווערען אפילו למהדרין מן המהדרין. עכט בלויז אין אריגינאַל פאַקונג צו ½, ¼, ⅛ קג. אהן פאַקונג קיינמאָל נישט טכט.

וויפיעל האָט געבראַנגט די זונטאָג'דיגע גאַסען-זאַמלונג ?

די זונטאַג'דיגע גאַסען-זאַמלונג לטובת דער ווינטער-הילף פאַר אַרבייטסלאָזע, איינגעאָרדענט דורכ'ן היגען בירגערליכען קאָמיטעט האָט געבראַנגט הכנסה 561.22 זלאָטעס.

אויסצובאַקען מצות דאַרף מען נישט קיין האנדווערקער-קאַרטע.

אין א בריף פון האנדעלס-מיניסטעריום פון 17 פעברואַר 1937 ווערט אויפגעקלערט, אַז הגם דאס אויסבאַקען מצות געהט אריין אין געביט פון בעקער-פאַך, דאַרף אָבער דער וואס באַקט אויס מצות נישט בעזיצען קיין האַנדווערקער-קאַרטע צוליב דעם, ווייל דאס פאַך ווערט געפיהרט נאָר אין דער צייט פון יודישען יום-טוב פסח און האט די קענצייכען פון הויז-אינדוסטריע.

אויך די אַלגעמיינע סאַניטאַרע פאַרשריפטען האבען אין דעם פאַל, אין הסכם מיט דער שטעלונג פון מיניסטעריום פאַר געזעלשאפטליכער שוץ, נישט קיין אַנווענדונג, ווייל די פראָדוקציע פון מצה עקזיסטירט און קומט פאָר נאָר אויף א געוויסער צייט.

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „מחזיקי הדת"

זונטאַג, דעם 14 ד. ח. קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאַמלונג פון „מחזיקי הדת". אויפ'ן טאָג-אָרדנונג געפינט זיך צווישען אַנדערען דער בעריכט פאַר'ן פערג. יאהר, דער בודושעט פאַר'ן לויפענדען יאהר און וואַהלען פון עטליכע פערוואלטונג-מיטגלידער.

די אלע, וועמען דער קיום פון דער דאָזיגער זעהר נוצליכער אינסטיטוציע איז נאָהנט צום האַרצען דאַרפען קומען אויף דער זונטאַג'דיגער אַלגעמיינער פערזאַמלונג.

אַקופּאַציע - שטרייק פון די ביוראָ-אַנגעשטעלטע אין „סטראַדאָם".

נעכטען איז אין דער פאַבריק „סטראַדאָם" אויסגעבראָכען אַן אָקופּאַציע-שטרייק פון די ביוראָ אַנגעשטעלטע, וואס נעמען וועכענטליכע פענסיע. אין אַלגעמיין שטרייקען 40 פערזאָן, דערונטער אַנ'ערך 10 פרויען. די שטרייקענדע פערנעמען די טישען אין ביוראָ פון דער פאַבריק.

כדאי אויפצוקלערען, אַז אין דער פאַבריק „סטראַדאָם" זענען פערהאַן צוויי קאַטעגאָריעס גייסטיגע אַרבייטער — איינע, וואס בעקומען חודש'ליכען לויהן און א צווייטע קאַטעגאָריע מיט וועכענטליכען לויהן. די צווייטע קאַטעגאָריע האט אַרויסגערוקט א פאָדערונג וועגען אויסגלייכען זייערע פענסיעס און בעדינגונגען מיט די אַרבייטער, וואס בעקומען חודש'ליכע פענסיע, ווייל זיי פיהרען אויס דיזעלבע אַרביים. אויפ'ן דאָזיגען סמך איז טאַקי אויסגעבראָכען דער קאָנפליקט. ס'איז שוין זאַגאַר דערגאַנגען צו א 2 שעה'דיגען דעמאָנסטראַציע שטרייק.

די קאָנפערענץ, וואס איז עהערנעכטען פארגעקומען אין אַרבייטס אינספּעקטאָראַט האט נישט געבראַנגט צו קיין רעזולטאַט און צוליב דעם האבען די בעאַמטע מיט א וועכענטליכען לויהן נעכטען ערקלערט אַנ'אָקופּאַציע-שטרייק אין ביוראָ פון דער פאַבריק.

דער דאָזיגער קאָנפליקט נעמט אָן אַנ'ערנסטען כאַראַקטער צוליב דעם, וואס די גרעסטע צאָהל שטרייקענדע איז בעשעפטיגט אין דער רעכנונגס-אַבטיילונג, צוליב וואס ס'וועלען נישט פערענדיגט געוואָרען די לויהן-ליסטעס טראָץ דעם וואס די וועכענטליכע אויסצאָהלונג פון די אַרבייטער דאַרף פאָרקומען שוין היינט.

אַ קערפער אָהן קאָפּ

אונגעוועהנליכע ענטדעקונג אין דער קאָפּאַלניע אין אָלשטין.

דינסטאַג, אַרום 1 א זייגער מיטאַג איז אין דער קאָפּאַלניע אין אָלשטין, וואס געהער צו יצחק קאָסטמאַן געמאַכט געוואָרען א געהיימניספולע שוידערליכע ענטדעקונג.

אַנ'ערך 12 מעטער אונטער דער אויבערפלאַך איז געפונען געוואָרען דער טויטער קערפער פון 26-יעהריגען טשעסלאַוו פזשיטולסקי פון אָלשטין, וועלכער איז געשטאַנען אונטער דער מויער מיט אַנ'אָבגעהאַקטען קאָפּ.

ווען ס'איז אַדורך דער ערשטער איינדרוק פון דער שוידערליכער פּאַסירונג, האבען די אַרבייטער אַראָבגענומען דעם טויטען קערפער פון אומגליקליכען אַרבייטער און דאַן איז אויפגעזוכט געוואָרען דער אָבגעריסענער קאָפּ, וואס איז געלעגען מיט עטליכע שריט ווייטער.

די אָנגעקומענע פּאָליציי האט אונטערגענומען אַנ'אויספאָרשונג, כדי פעסטצושטעלען די סיבות פון פּאָרפאַל, וועלכע זענען פּאָרלויפיג אומבעקאַנט.

דעם 15 אַפּריל דער פּראָצעס פון בוגייער מערדער גאַפּ.

אויפ'ן 15-טען אַפּריל איז בעשטימט געוואָרען דער פּראָצעס פון איינוואוינער פון דאָרף בוגיי אַנטאָני גאַפּ, וועלכער ווערט אָנגעקלאָגט פאַר א דרייפאַכיגען מאָרד מיט פּרעמעדיטאַציע. דאס וועט זיין איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פּראָצעסען אין דער געריכטליכער כראָניק פון אונזער שטאָדט.

דער בעשולדיגונגס-אַקט ענטהאַלט פיעל שוידערליכע איינצעלהייטען וועגען ערמאָרדען דעם פויער נאַכימטשאַק פאַר'ן פרייז פון א וואָגען קאַרטאָפעל, מיט וועלכע גאַפּ האט זיך געוואָלט פערזעהן אויפ'ן ווינטער. דיזעלבע בריטווע, מיט וועלכער גאַפּ האט זיך ראַזירט א טאָג נאָכ'ן מאָרד, האט ער בענוצט ביים ערמאָרדען דעם פויער. אויסער דעם האט גאַפּ — ווי אונזערע לעזער געדענקען געוויס — ערמאָרדעט זיין געליבטע צוזאַמען מיט איהר זוהן רישאַרד און ביידע טויטע קערפערס בעגראָבען אין דער ערד.

דער דאָזיגער פּראָצעס, וועלכער איז אויך רייך אין מאָראַלישע און עטישע מאָמענטען, וועט וואָרשיינליך טיילווייז בעטראַכט ווערען ביי פערמאַכטע טהירען.

אַ נייער שווינדלערישער איינפאַל.

מאָנטאַג אין די נאַכמיטאַג שעה'ן האט א ביז איצט נישט ענטדעקטער שווינדלער זיך געווענדעט טעלעפאָניש אינ'ם צייטונגס-אַגענטור „רעגנאַמאַ" און געבעטען צוצושיקען אין דער פירמע „גאַליציאַ", אַלעע 14, וועקסעל-בלאַנקעטען און סטעמפּעל מאַרקען פאַר 38 זלאָטעס.

ווען דער שליח פון דער „רעגנאַמאַ" איז אַוועק מיט די מאַרקען אויפ'ן אַדרעס פונ'ם אָנגעגעבענעם ביוראָ, האט איהם אויף די שטופען אָבגעוואַרט דער שווינדלער. וועלכער האט צוגענומען די וועקסלען און מאַרקען, הייסענדיג דעם שליח וואַרטען אויף געלד אין ביוראָ פון „גאַליציאַ" און אליין איז ער שנעל נעלם געוואָרען.

אַרייגגעהענדיג אין ביוראָ האט זיך אַרויסגעוויזען, אַז קיינער האט פון דאָרט דאס דאָזיגע בעשטעלונג נישט געמאַכט און דער שליח איז געפאַלען א קרבן פון אַנ'אַפעריסט.

איינברוך אין דער פירמע „באַטאַ".

עהערנעכטען איז אויסגעפיהרט געוואָרען אַנ'איינברוך אין דער פירמע „באַטאַ", וועלכע געפינט זיך אויפ'ן רוג אַלעע וואָלנאָשטשי און צווייטע אַלעע.

די איינברעכער האבען צוגעגנב'עט א גרעסערע צאָהל שטרומפּ פאַר דער סומע פון 530 זל. און דאַמען-שיך פאַר 32 זלאָטעס.

די דרייסטע גנבים זענען אַריין דורך דריי קעלערן און נאָכ'ן מאַכען אַנ'עפנונג אין דער פּאָטאָדזקע צווישען דער קאַסע און דעם פענסטער פון אַלעע וואָלנאַשטשי האבען זיי זיך געפונען אינ'ם געוועלב. צוערשט האבען די גנבים געזוכט געלד. צו דעם דאָזיגען צוועק האבען זיי איבערגעקעהרט דעם טיש און אויסשניידענדיג אַנ'עפנונג אינ'ם שופלאַד צוגענומען אַנ'ערך 10 זלאָטעס, וועלכע זענען איינקאַסירט געוואָרען פאַר טעלעפאָנישע געשפּרעכען.

צווישען דער גנבים באַנדע האט זיך וואָרשיינליך געפונען א פרוי, וועלכע האט צוגעמאָסטען די שיך, וואָרום פון דער גרויסער אונאָרדנונג אין דער דאַמען-אַבטיילונג האט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ס'פעהלען עטליכע פאַר שיך, לאַקירטע, פרונעלען, שמוב-שוך א. א. פון איין-און דעמזעלבען נומער.

די אָנגעקומענע פּאָליציי האט אונטערגענומען אַנ'ענערגישע אויספאָרשונג, כדי צו ענטדעקען די דרייסטע גנבים.

19-יעהריגער ציגיינער פערפיהרט א 12-יעהריגע ציגיינערין.

צום אויספאָרשונגס-אַמט האט זיך עהערנעכטען געוואַנדען דער ציגיינער אַדאָלף קאָוף און געמאָלדען, אַז מיט עטליכע טעג צוריק, בעת'ן פערברענגען אין דאָמבראָווא האט איהם דער 19-יעהרינגער ציגיינער אַלעקסאַנדער פּיעטראָוו צוגעגנב'עט זיין 12 יעהריגע טאָכטער גענאָוועפאַ. דערצו האט ער נאָך צוגענומען 60 זלאָטעס פון א קעסטיל און ענטלאָפען קיין טשענסטאָכאָוו, וואו זיי בעהאַלטען זיך ביי זיין באָבע אַננאַ וואָלאַשטשיק אויף שוו. ראָך.

אויפ'ן סמך פון דער דאָזיגער ערקלערונג איז פּאָליציי אַוועק אויפ'ן אָנגעגעבענעם אַדרעס און טאַקי געטראָפען די ענטלאָפענע. ביידע זענען אָבגעפיהרט געוואָרען אינ'ם אויספאָרשונגס אַמט, וואו זיי זענען אויסגעהערט געוואָרען. פּיעטראָוו האט זיך נישט מודה געוועזען צו דער פאַרגעוואָרפענער שולד, ערקלערענדיג, אַז די יונגע ציגיינערין, וועלכע איז איצט זיין כלה איז מיט איהם גוטוויליג אַוועק קיין טשענסטאָכאָוו. ער לייקענט אויך, דאס ער זאָל האבען צוגעגנב'עט די 60 זלאָטעס.

די דאָזיגע ערקלערונג האט אויך בעשטעטיגט די „העלדין". זי איז אַלט 12 יאָהר, אָבער זעהר גוט ענטוויקעלט און זעהט אויס אויף 18. זי ערקלערט, אַז זי האט ליב פּיעטראָוו'ן און מיט די עלטערן אונטער איין דאַך וועט זי נישט וואוינען. זי איז פּיעטראָוו'ס כלה און וועט אין קורצען מיט איהם חתונה האבען.

די דאָזיגע ערקלערונגען האבען אָבער נישט צופרידענגעשטעלט די פּאָליציי, וועלכע האט פּיעטראָוו'ן אַרעסטירט און ער וועט האבען א פּראָצעס פאַר פערפיהרען א מינדעריעהריג מיידעל. אויסער דעם ווערט ער פערדעכטיג אינ'ם גנב'ענען פערד און בענוצען זיך מיט א פרעמדען נאָמען.

זונטאַג, פ' צו, ד. 14 מערץ 5 נאָכם. קומט פאָר די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „מחזיקי הדת"

אין אייגענעם לאָקאַל, נאַדזשעטשנאַ 42 №

טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואַהלען פון א פּאָרזיצענדען פון דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, 3) דין-וחשבון פון דער טעטיגקייט, 4) בודזשעט פאַר'ן נייעם יאהר, 5) פרייע פאָרשלאָגען, 6) וואַהלען פון 3 פערוו.-מיטגלידער אַנשטאָט די אָרויסגעהענדע לויט'ן פאָר. 24 די ה"ה: ש. גאָלדשטיין, י. ש. קאַבלינץ און ד. ש. ערליך,

בעמערקונג: אויב עס וועט נישט זיין די גענוגענדע צאָהל מיטגלידער, קומט די פערזאַמלונג פאָר דעמזעלבען טאָג 6 אָווענד.

6 חדשים פאַר אונטערוואַרפען א קינד.

דאס קרייז-געריכט אין טשענסטאָכאָוו האט בעטראַכט דעם פּראָצעס פון אַננאַ ראַדלינסקאַ, איינוואוינערין פון דאָרף יאָזשוב, וועלכע איז געוואָרען אָנגעקלאָגט דערפאַר, אַז מיט א חודש צוריק איז זי געקומען אינ'ם דאָרף שאַרקי מיט איהר ניי-געבוירענע טאָכטער פון עטליכע וואָכען. זי האט איבערגעלאָזט דאס קינד אין דער וואוינונג פון א קרובה פונ'ם נישט-לעגאַלען פאָטער פון איהר קינד.

די אָנגעקלאָגטע האט פאָריגעס יאָהר געשלאָסען בעקאַנטשאַפט מיט א געוויסען פראַנטשישעק קראָוושיק אין דאָרף שאַרקי. די דאָזיגע קאָנטשאַפט איז אין קורצען אַריבער אין א הייסער ליעבע, פון וועלכער ס'איז געבוירען געוואָרען דאס דאָזיגע אונלעגאַלע קינד. ווי אין דער גרעסטער טייל אַזעלכע פאַלען, האט זיך אויסגעלאָשען די ליעבע און דער פאָטער פונ'ם קינד האט זיך דערווייטערט. דאַמאַלס איז ראַדלינסקאַ, געפונענדיג זיך צוזאַמען מיט'ן קינד אין א גרויסער נויט, אַוועק צו איהר מאַנ'ס שוועסטער און האט איבערגעלאָזט דאס קינד.

אויף דער פראַגע פון ריכטער, וואו דאס קינד געפינט זיך, האט די אָנגעקלאָגטע ערקלערט, אַז קורץ, דער מאַן פון איהר געליבטענ'ס שוועסטער, האט עס אַרויסגעטראָגען אין וואַלד אַריין אין דער גמינע לוקוב.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האט דער פּראָקוראָר זיך געוואַנדען צום געריכט וועגען איבערשיקען די אַקטען צו דער פּראָקוראַטור, כדי צו פערפיהרען אַנ'אויספאָרשונג געגען קוץ'ן.

דאס געריכט האט פער'משפּט די רודלינסקא אויף 6 חדשים אַרעסט און בעשלאָסען אָבצולעגען דאס אויספיהרען די שטראָף אויף 2 יאָהר.

100 פּערזאָן צושלאָגען אַנ'אַוואַנטוריסט.

דאס קרייז-געריכט האט בעטראַכט דעם פּראָצעס פון סט. פּאַל, יוזעף פּאַטיק, יאַן צעגעלאַ און פראַנטשישעק ווראָבלעווסקי, אַלע איינוואוינער פון די שטאָרטישע באַראַקען. זיי האבען זיך געפונען אויף דער בעשולדיגונגס באַנק פאַר צושלאָגען מערדערליך דעם שרעקליכסטען אַוואַנטוריסט פון די באַראַקען, קאַזשימיעזש אָרגאַנסקי'ן, וועלכער האט מיט כסדר'דיגע אַוואַנטורעס און געשלעגען זיך געוואָלט ערוואַרבען דעם טיטול „קייזער" פון סטראַדאָם.

דעם קריטישען טאָג, אין ליסטאָפּאַד פ.י. האט אָרגאַנסקי זיך צוריקגעקעהרט אין „זיין קעניגרייך" א שיכור'ער און געשלאָגען יעדען וואס איז איהם אונטערגעקומען.

די אויבענדערמאַנטע אָנגעקלאָגטע צוזאַמען מיט אַנדערע איינוואוינער פון די באַראַקען האבען זיך דאַן געוואָרפען אויף אָרגאַנסקי'ן און איהם גוט צושלאָגען, האַלטענדיג פאַר א חוב און עהרע האט יעדער איינער צוגעגעבען פון זיין חלק.

לויט ווי די עדות ערקלערען האבען אָרגאַנסקי'ן געשלאָגען אַנ'ערך 100 פערזאָן. פון דעם דאָזיגען אַלגעמיינעם „צולעגען די הענד" איז אָרגאַנסקי איבערגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל אַריין מיט א גאַנצע רייהע וואונדען. זיין שטאַרקער אָרגאַניזם האט אויפגעהאַלטען אַלערליי קאָמפּליקאַציעס און אָרגאַנסקי איז שוין אינ'ם פּראָצעס אַרויסגעטרעטען אלס עדות.

כאַראַקטעריסטיש, אַז איינער פון די עדות האט אויף דער פראַגע צו וועלכער פּאַרטיי ער געהער, געענטפערט, אַז צו אָרגאַנסקי'ס, וועלכער האט, טראָץ דער דאָזיגער גרויסער מפּלה, ווייטער נישט אויפגעהערט „צו קעניגען" אין סטראַדאָם.

די הויפּט-שולדיגע אינ'ם געשלעג זענען דורכ'ן געריכט פער'משפּט געוואָרען צו 6 חדשים תפיסה. בלויז צעגעלאַ'ן איז אָבגעלעגט געוואָרען דאס אויספיהרען די שטראָף.

ליקווידירט דער שניידער-שטרייק.

דער שטרייק פון די שניידער-געזעלען אין די יודישע ווערקשטעלען, וועלכער איז היינטיגע וואָך אויסגעבראָכען, איז פּאָרלויפיג ליקווידירט געוואָרען. דעם אַרבייטס-אינספּעקטאָר ראַדלאָווסקי איז געלונגען צו בעוועגען די שטרייקענדע אַרבייטער צוצוטרעטען צו זייער אַרביים אויף דעם תנאי, אַז אין די נאָהנטסטע טעג וועט פאָרקומען א רעוויזיע פון די לויהנען און אַרבייטס-בעדינגונגען.

KINO „EDEN".

Errol Flinn
Olivia de Havilland
אינ'ם אונשטערבליכען קונסטווערק
SZARŻA
lekkiej brygady

Kino „LUNA"

היינט —
מאַרלענאַ דיטריך
טשאַרלז באָיער
אינ'ם העהרליכען עגזאָטישען פילם
OGRóD ALLACHA
פילם אין נייטראַלע קאָלירען.
איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג - צונאַבען.

Kino-Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.

צוגלייך מיט וואַרשא
דער נייעסטער פוילישער פילם
O czym marzą
kobiety
די בעסטע אַרטיסטען פון סצענע און עקראַן
לענאַ זשעליכאָווסקא, צ'יבולסקי, רוזשיצקי א"א.
איבער'ן פּראָגראַם: פּאַט און פּאַראַמאָנט.
שבת און זונטאַג האַלב 1 מיטאַג
Królowa dżungli

Redaktor i wydawca: B. Bocian Druk. B. Bocian, Aleja 6